307

# תשעה באב און שבת נחמו

## אַ געשיכטע פון תלמוד און מדרש וועגען דעם חורבן פון

ווען גאָט האָט באַשלאָסן חרוב מאַכען דעם בית המקדש
האָט ער געזאָגט צו די מלאכים, כל זמן איך געפין זיך דאָ
רט קענען די געצענדינער אים ניט אנרירען. אבער ווען איך
וועל אַוועקגעהן, און וועל זיך געבען אַ שבועה, אַז איך
זאָל ניט צוריקקומען ביז משיח וועט קומען, וועלען די
שונאים דעם בית־המקדש גאַנץ שנעל חרוב מאַכען
-- און גלייך ווי גאָט האָט געשווירען, זיינען אריינגעקומען
די שונאים און האָבען דעם הייליגען טעמפעל פארברע
נט, דאַן האָט גאָט געזאָגט: - איך האָב שוין מעהר קיין
אָרט אויף דער ערד, גאָט האָט גענומען וויינען, און געזאָג
ט: וועה איז מיר וואס איך האָב געטאָן! -- דער (מלאך)
מטטרון, איז געפאַלען פאַר גאָט און געזאָגט:
רבונו של עולם! וויין ניט, איך וועל וויינען! און גאָט האָט
איהם געענטפערט, אויב די לאָזט מיך ניט וויינען, וועל איך
אריינגעהן אין אַן אָרט וואו די האָסט קיין רשות צו קומען,
און איך וועל דאָרט וויינען. קומט! האָט גאָט נאָכ
דעם געזאָגט צו די מלאכים וואס בעדינען איהם, —
לאָמיר געהן זעהן וואס די שונאים האָבען געמאַכט פון
מיין הויז, איז געגאַנגען גאָט מיט זיינע מלאכים. —
און ירמיהו הנביא איז געגאַנגען פאָראויס, ווי נאָר גאָט
האָט דערזעהן דעם חרוב'ריגען בית־המקדש האָט ער
אויסגערופען: "דאס איז דאָך געווען מיין הויז, דער אָרט
וואו איך האָב זיך אויפגעהאַלטען, און די שונאים האָבען
געטאָן מיט דעם וואס זיי האָבען געוואָלט! - וועה איז מיר
אויף מיין הויז! - מיינע קינדער. וואו זייט איהר? מיינע
כהנים, וואו זייט איהר? מיינע גוטע פריינד, וואו זייט איהר?
וואס קען איך איצט טאָן, איך האָב אייך געוואָרענט,
אבער איהר האָט קיין תשובה ניט געטאָן! און גאָט
האָט געזאָגט צו ירמיהו הנביא, געה און רוף ארויס —
אברהם, יצחק און יעקב, און אויך משה'ן פון זייערע
קברים, ווייל זיי וויסען ווי צו וויינען! ..... "רבונו של עולם
- האָט ירמיהו געזאָגט: איך ווייס ניט וואו עס געפינט זיך
משה'ס קבר" .... געה שטעל זיך אוועק ביים ברעג פון
דעם ירדן, און הויב אויף דיין קול און שריי אויס: בן עמרם
שטעה אויף און קוק אָן דיינע שעפסען, ווי זייערע שונאים
האָבען זיי איינגעשלינגען, אזוי האָט גאָט געזאָגט צו
ירמיהו, .... ירמיהו איז אוועק צו דער מערת המכפלה,
און האָט געזאָגט צו די אבות: שטעהט אויף! עס איז
געקומען די צייט ווען איהר ווערט גערופען פאַר גאָט.
פון דער מערת המכפלה איז ירמיהו אוועקגעגאַנגען צום
ברעג פון ירדן, און האָט אויסגעשריען: בן עמרם!

## בית ראשון

שטעה אויף, עס איז געקומען די צייט וואס די ווערסט
גערופען פאַר גאָט, - האָט משה געפרעגט: וואס איז דער
היינטיגער טאָג אנדערש פון אנדערע טעג, וואס מען
רופט מיך פאַר גאָט? און ירמיהו האָט ווידער געענטפערט
איך ווייס ניט, משה איז אוועק פרעגען ביי די מלאכים,
און ער האָט זיי געפרעגט: ווייסט איהר אפשר צו וואס
איך ווער גערופען צו דעם אויבערשטען? - און די מלאכים
האָבען געענטפערט: - בן עמרם! ווייסטודען ניט אַז דער
בית־המקדש איז חרוב און די אידען זיינען פערטריבען
געוואָרען אין גלות? - און משה געגאַנגען, געשריען
און געוויינט, ביז ער האָט באַגעגנט די אבות, און ווען
זיי האָבען זיך דערוויסט פון משה'ן וואס עס איז געשהן,
האָבען זיי צוריסען אויף זיך זייערע קליידער, און
ארויפגעלעגט זייערע הענד איבער די קעפ, און זיי
האָבען געשריען און געוויינט, ביז זיי זיינען אנגעקומען
צו די טויערען פון בית־המקדש, און ווי גאָט האָט זיי
דערזעהן, האָט ער דעם טאָג "תשעה באב" ערק
לערט פאַר אַ טאָג פון געוויין און קלאָג. — — — —
משה האָט זיך געווענדערט צו דער זון, און האָט אויסגע
רופען: "פערשאַלטען זאָלסטו ווערען די זון! וואָרום
ביסטו ניט פינסטער געוואָרען ווען דער שונא איז
אריין אין בית־המקדש?" — און די זון האָט געענטפערט
איך שווער ביי דיר משה, די טרייער פאַסטוך; - ווי האָב
איך געקענט ווערען פינסטער, אַז פון הימעל האָט מען
מיך ניט געלאָזט, און מען האָט מיר געזאָגט: געה און
בעלייכט מיט דיין ליכט די וועלט, — — — — —
משה און ירמיהו זיינען אוועקגעגאַנגען צו די טייכען פון
בבל. ווען די אידען האָבען דערזעהן משה'ן, האָבען
זיי געזאָגט איינער צום אנדערען: משה איז געקומען
אונז אויסלייזען פון אונזערע פיינד, פונקט ווי ער האָט
אונז אויסגעלייזט פון מצרים, און משה האָט געענטפערט
- איך קען אייך ניט אויסלייזען, ווייל אזוי איז דער
ווילען פון גאָט, -- וואס האָבען די פיינט געטאָן צו
אונזערע קינדער? - האָבען די אבות געפרעגט ביי משה'ן
ווען האָט זיך אומגעקערט פון די טייכען אין בבל, —
און משה האָט געענטפערט: פילע זיינען אויסגעהרג'עט
געוואָרען, פילע זיינען געפאַנגען, פילע זיינען געשלאָסען
הענט און פיס אין קייטען, ווען אברהם האָט דאָס דער
הערט, האָט ער גענומען טענה'ן פאַר גאָט: פאַר וואס
האָסטו פאַרטריבען מיינע קינדער, און האָסט זיי
איבערגעגעבען אין די הענט פון בבל, וועלכע האָבען
זיי אומגעבראַכט דורך אלערליי מיתות משונות? — —

# רבי עקיבא און כלבא שבוע׳ס טאכטער רחל

איז ער געקומען פאר רבי עקיבא, אבער ער האט זיין געוועזענעם פאסטוך ניט דערקענט, האט כלבא שבוע דערצעהלט די גאנצע געשיכטע און מען האט געזעהן זיין טיפע חרטה. מיט טרעהרען האט ער געבעטען דעם גרויסען תנא ער זאל איהם בעפרייען פון זיין נדר. ״זאג מיר״, האט רבי עקיבא געפרעגט, ״ווען די וואלסט געוויסט אז דיין איידעם וועט ווערען א גרויסער מאן, וואלסטו אויך דעם נדר אויסגערעדט? ״ — ״ניין״! האט כלבא שבוע אויסגערופען ווען ער וואלט אפילו קענען איין פרק משניות, אדער איין שטיקעל הלכה, וואלט איך איהם גערן גענומען פאר אן איידים, — דאס בין איך — האט רבי עקיבא געזאגט. ווען כלבא שבוע האט דאס דערהערט האט ער זיך אויך געווארפען צו דער ערד, און האט געקושט די פיס פון זיין איידים, נאכדעם האט ער איהם אוועקגעגעבן א העלפט פון זיין פערמעגען. (כתובות. סב. סג.)

# די ערשטע יאהרען פון רבי עקיבא

ווען רבי עקיבא איז שוין אלט געווען פערציג יאהר האט ער נאך גאר ניט געלערנט. איינמאל איז ער געשטאנען ביי א ברונען האט ער בעמערקט ווי א שטיין איז אבגעריבען, ער האט זיך א ווילע פערטראכט און נאכדעם האט ער געפרעגט: ווער האט געפרעגט די פראגע: ? ווער האט אבגעריבען דעם שטיין? — האבען איהם מענשען געענטפערט — די וואסערן וואס פאלען אויפ׳ן שטיין יעדען טאג האבען איהם אבגעריבען, האסטו דען ניט געלערנט, דעם. פסוק. אין איוב (יד.) וואס רעדט וועגען שטיינער וואס ווערען אבגעריבען פון וואסער;? — [redacted] עקיבא האט דאס ניט געלערנט. האט ער זיך ווידער פערטראכט, ווי גוט עס איז אז מען לערנט און מען ווייס. — עס איז אפילו שווער צו לערנען אזוי שפעט. ! אבער ווען וואסער. וואס איז וייך. קען אבּרייבען שטיינער. וואס דיינען הארט, — קען דאך די תורה וואס איז שטארק ווי אייזען. געוויס זיך איינקריצען אין א מענשען׳ס הארצען וואס איז בלויז פלייש און בלוט. ער האט גענומען זיין זוהן, און איז מיט איהם אוועק לערנען. ער איז געקומען אין א חדר וואו מען האט געלערנט מיט קליינע קינדער. און האט געזאגט צו איינעם פון די מלמדים: לערן מיט מיר תורה. ערהאט געמוזט אנפאנגען פון א. ב. און ער האט געלערנט ביז ער האט אויסגעלערנט די גאנצע תורה; — נאכדעם איז עקיבא אוועק אין דעם בית־המדרש, וואו עס האבען געלערנט; רבי אליעזר. און רבי יהושע, און האט זיי געבעטען: ערקלעהרט מיר די משנה, און דער הלכה, אין האט דאס גענומען איינלערנען פאר זיך. נאכדעם איז ער ווידער געקומען פרעגען; — .... אזוי האט ער געלערנט ביסלעך ווייז, און נאכדעם ווי ער האט אזוי אבגעלערנט דרייצען יאהר, האט ער שוין אליין געהאט תלמידים; אט אזוי זעהען מיר, ווי אזא קליינקייט, אין אבגעריבענעם שטיינדעל. איבער וועלכען רבי עקיבא האט זיך פערטראכט, האט געפיהרט צו גרויסע רעזולטאטען, רבי שמעון בן אלעזר, גיט אויף דעם א משל: עס איז געווען א שטיינהאקער וואס פלעגט האקען שטיינער אין די בערג, איינמאל האט ער גענומען זיין האק אין האנד. אין אוועק אין זיך אוועקגעזעצט אויפ׳ן בארג אין האט גענומען שניידען פון דינע שטיקער איהם .... זיינען מענשען געקומען (געקומען) און געפרעגט וואס ער טוט. האט ער זיי געענטפערט. — איך רייס אויס דעם בארג און שלייד׳ער איהם אריין אין ירדן, האבען די מענשען צו איהם געזאגט: — די וועסט ניט קענען אויסרייסען דעם גאנצען בארג. — דער שטיינהאקער האט אבער געטהאן זיינס, ער האט ביסלעך ווייס געגראבען און געהאקט ביז איז געקומען צו א גרויסען פעלז, איהם אונטערגעגראבען, אויסגעריסען און אריין געווארפען אין ירדן, — אט אזוי האט רבי עקיבא געטאהן מיט רבי אליעזר. און רבי יהושע, ער האט פון זיי געלערנט ביסלעך ווייז, ביז ער האט אויסגעלערנט א סאך — —

יעדען טאג פלעגט רבי עקיבא ברענגען פון וואלד א בינטעל שטרוי, א העלפט פון דעם פלעגט ער פערקויפען, אין קויפען שפייז פאר דעם געלד, — די אנדערע העלפט שטרוי פלעגט ער אליין פערברויכען, האבען זיינע שכנים געזאגט צו איהם: ״עקיבא, די דערשטיקסט אונז מיט דיין רויך פערקויף אונז די אנדערע העלפט. און פאר דעם געלט קויף זיך אויל וועסטו קענען לערנען ביי דער ליכט פון א לאמפ, ״האט רבי עקיבא זיי געענטפערט — פון דעם שטרוי האב איך א דרייפאכען נוצען, ! איך האב א׳ ווארימקייט, א׳ ליכט, א׳ איך האב אויף וואס צו שלאפען, — — דערפאר וואס ער האט געליטען אין זיינע אינגערע יאהרען איז רבי עקיבא אויף דער עלטער געווארען זעהר רייך, און זיין פרוי פלעגט ארויסגעהן אין גאס מיט א גאלדענע קרוין אויפ׳ן קאפ און מיט אנדערע צירונג, זיינע תלמידים האבען איינמאל געזאגט צו איהם: ״רבי, דו פערשעהמסט אונז פאר אונזערע פרויען, זיי זעהען וואס דיין פרוי טראגט אויף זיך. ווילען זיי אויך האבען אזעלכע צירונג, האט ער זיי געענטפערט: זי האט עס פערדינט, די האט זיך פיעל געפלאגט צוליבט די תורה וואס איך האב געלערנט (אבות דר׳ נתן פרק ה׳)

ימ׳יל הערמאן

# דער בעל-שם און זיין שמש

אידער ר׳ ישראל דער "בעל-שם" איז נפטר געווארען, האט ער צוגערופען צו זיך זיין שמש און צו אים געזאגט: — אזוי ווי די ביסט אַ גרויסער ארימאן און דו דארפסט ערנערען דיין פרוי און זיבען קינדער, זאג איך דיר אן, אז דו זאלסט נאך מיין טויט ארומפארען אין די אלע שטעט און דערפער, וואו די פלעגסט מיט מיר ארומפארען, און דארטען דערציילען אלע וואונדערליכע זאכען, וואס דו האסט זיך אנגעזהן דורך דער צייט וואס דו ביסט געווען מיין שמש, דו זאלסט אויך ארומפארען אין אזעלכע ערטער וואס מיר זיינען דארט קיינמאל ניט געווען, און פון דעם וועסטו האבען פרנסה,

— רבי — האט דער שמש געזאגט — איז דאס מיין ביטערער מזל אז איך זאל דארפען ארומוואנדערען פין שטאט צו שטאט, און אלע מאל זיין ווייט אוועק פון מיין פאמיליע? — איר האט אזויפיל, אומגליקליכע מענשען געהאלפען, — העלפט מיר אויך, אז איך זאל האבען אַ גרינגערע פרנסה, און ניט דארפען זיין אן ארומוואנדערער, אַ נע-ונד׳ניק, זארג זיך ניט משה — האט איהם דער בעל שם געענטפערט — דו וועסט ניט דארפען לאנג ארומוואנדערען, די וועסט פלוצים מיט געהאלפען ווערען, אז דו און דיין פאמיליע, וועלען פאר אייער גאנץ לעבען האבען אַ גליקליכען און צופרידענעם לעבען,

ר׳ משה, דער שמש האט אויסגעפאלגט וואס זיין רבי, דער בעל-שם האט איהם אנגעזאגט פאר זיין טויט, ערהאט ארומגעוואנדערט פון שטאדט צו שטאדט, אין אומעטום ~~די מופתים~~ האט ער דערצעהלט די מופתים און פארשידענע מעשיות פון דעם בעל-שם, — ער האט זיך דערוואוסט, אז אין שטאדט וואוינט זעהר אַ רייכער מאן, מען רופט איהם ר׳ שמעון דער "מכניס אורח", קיינער ווייס ניט פון וואנען ער קומט, און פון וואנען ער שטאמט, אבער ער איז אַ גרויסער פארהערער פון דעם בעל שם, פאר יעדע מעשה וואס מען דערצעלט איהם פון דעם בעל השם, באצאלט ער אַ גאלדענעם דוקאט, ער האט זיך נאכגעפרעגט וואו דער רייכער ר׳ שמעון וואוינט, ער איז צו איהם אוועק, און האט זיך פאר איהם פארגעשטעלט, אז ער איז, פאר אַ סאך יארען געווען דער שמש פון דעם בעל שם, פרייטאג האט ר׳ שלמה געווענדעט צו ר׳ משה׳ן און געזאגט: — יעדען שבת האב איך אַ פאר מנינים ארימע אידען אלס מיינע אורחים, וואלט איך אייך בעטען, אז ביי אלע דריי שבת׳דיגע סעודות זאלט איהר עפעס דערצעהלען מופתים, אדער אזוי מעשיות, וואס איהר ווייסט וועגען דעם בעל-שם, איך וועל אייך דערפאר זעהר גוט באלוינען, איך וועל דאס טאן מיט׳ן גרעסטען פערגעניגען — ווען איהר וואלט דאס אפילו ניט פארלאנגט וואלט איך דאס אליין געטאן, ווייל דאס איז מיין אויפגאבע ארומצופארען איבער דער וועלט און באקאנט מאכען צווישען די אידען די גרויסקייט פון דעם הייליגען בעל שם, זיינע מופתים און דערצעהלען מעשיות וועגען איהם,

פרייטאג אַ גאנצען טאג האט ר׳ משה איבערגע׳חזר׳ט, אין זיין געדאנק די וויכטיגסטע מעשיות פון בעל-שם, כדי זיי צו דערציילען ביים שבת׳דיגען טיש, — אבער צו זיי גרויס אומגליק האט ער ביי די אלע דריי שבת׳דיגע סעודות אפילו קיין איינציגע מעשה ניט דערציילט, ווי נאר ער האט געוואלט אנהויבען צו דערציילען, האט איהם אַ שוויים באגאסען, ער איז געווארען בלאס ווי אַ טויטער ווייל ער האט פארגעסען אלע מעשיות, אפילו איינע פון זיי האט ער זיך ניט געקענט דערמאנען; זונטאג פריה, האט ר׳ משה מיט אַ צעבראכען הארץ געזאגט צו ר׳ שמעון, דעם "מכניס אורח" — איהר מוזט געוויס דענקען, אז איך בין אַ שווינדלער און אַ ליגער, איך שווער אייך, ביי אלץ וואס עס איז הייליג ביי אידען, אז איך האב אייך געזאגט דעם ריינעם אמת. אבער וואס קען איך העלפען אז איך האב פארלוירען מיין זכרון, ר׳ משה האט אויסגשטרעקט זיין האנד צום רייכען אידען ר׳ שמעון און געזאגט: — איך באדאנק אייך זעהר, פאר אייער גאסטפריינדליכקייט, באלייבט געזונט אין גליקליך, און גאט זאל אייך בענשען מיט אלעס גוטס, — זייט ניט אזוי פארצווייפעלט, ר׳ משה, איך בין זיכער אז דאס וואס איהר האט פארלארען אייער זכרון איז צוליב מיר, ווייל איך בין ניט ווערט, און איך האב ניט די זכיה צו הערען די מעשיות פון דעם הייליגען בעל-שם, ר׳ שמעון האט איהם געגעבען אַ שענע נדבה, ער האט זיך אפגעזעגענט, מיט איהם, און ר׳ משה האט פארלאזען זיין הויז, ניט וויסענדיג וואוהין ער געהט, — —

ר׳ משה דער שמש, האט זיך פלוצים דערמאנט אַ מעשה פונ׳ם בעל שם, אום צו זיין זיכער, אז ער זאל די מעשה ניט פארגעסען, האט ער גלייך מיט אַ בליישטיפט פארצייכענט אין קורצען, דעם אינהאלט פון דער מעשה, ער האט זיך באלד אומגעקערט צו דעם רייכען ר׳ שמעון, און מיט פרייד צו איהם געזאגט: — איך האב זיך אויפ׳ן וועג דערמאנט זעהר אַן אינטערסאנטע מעשה פון דעם בעל-שם, — — און אט איז וואס ר׳ משה האט דערציילט: — אין אן אווענט, איין טאג פאר׳ן קריסטליכען פסח (איסטער), האט דער בעל שם געהייסען איינשפאנען פערד און וואגען, און האט צו מיר געזאגט — משה, עס איז איצט אַן "עת צורה" אויף אידען, איל זיך צו, מיר דארפען אוועקפארען צו ראטעווען די אידען פון אַ רשע׳ס הענד, מיר זיינען געפארען אַ גאנצע נאכט, און פארטאג זיינען מיר אנגעקומען אין אַ קליין שטאדט ערגעץ אין (אוקראינא). מען האט קיין איינציגען אידען אויף דער גאס ניט געזעהן, טיר און טויער זיינען געווען פארשלאסען, וויאו מיר האבען אנגעקלאפט, האט מען ניט געענטפערט, ענדליך מיט שהרע מי איז אונז אנגעקומען, ביז דער באלעבאס פון אַ גאסטהויז האט אונז געעפענט דעם טויער און האט אונז אריינגעלאדען, — דער אייגענטימער האט דערציילט דעם בעל שם, אז נעכטען איז אהער אנגעקומען אַ באוויסטער גלח, אַ גרויסער אידען פיינד, ער באקומט אַ יערליכען געהאלט פון דער קירכע, ~~[illegible]~~

# תשעה באב אין שבת נחמו

פאַרוואָס האסטו חרוב געמאכט דעם בית־המקדש, וואס איז געשטאנען אויף דעם אָרט, וואו איך האב פאר דיר געבראכט מיין איינציגען זוהן פאר אַ קרבן?, און גאט האט געענטפערט: דיינע קינדער האבען געזינדיגט, זיי האבען ניט אויסגעפאלגט מיינע געזעצען, "רבונו של עולם!" האט אברהם געזאגט: מען משפט'ן ניט קיינעם אָן עדות, - ווער קען עדות זאגען אויף מיינע קינדער, אז זיי האבען ניט אויסגעפאלגט דיינע געזעצען?"... די תורה, מיט איהרע צוויי און צוואנציג אותיות, מיט וועלכע די איז געשריבען, וועלען עדות זאגען. --- און באלד איז די תורה געקומען עדות זאגען, - טאכטער מיינע! - האט אברהם צו דער תורה געזאגט: די ביסט געקומען עדות זאגען געגען מיינע קינדער און די שעמסט זיך גאר ניט פאר מיר? דערמאן זיך דעם טאג, ווען גאט האט דיך ארום געטראגען צו אלע פעלקער, און קיינער האט דיך ניט געוואלט אננעמען, ביז מיינע קינדער זיינען געקומען צום בארג סיני און דיך אנגענומען בכבוד. - און איצט, - אין דעם טאג פון דייער אומגליק ביסטו געקומען עדות זאגען געגען זיי?... ווען די תורה האט געהערט דיזע ווערטער, האט אוועקגעשטעלט אן אַ זייט, און האט קיין עדות געזאגט.

אברהם האט זיך ווידער אוועקגעשטעלט טענה'ן: "רבונו של עולם! צו הונדערט יאר, האסטו מיר געגעבען אַ זוהן, און ווען ער איז געווען אַ בחור פון זיבען און דרייסיג יאר, שוין אַ פאלקאמענער מענש, האסטו מיר געהייסען ברענגען איהם צו דיר פאר אַ קרבן, איך האב זיך געמאכט אַ שטארק הארץ, האב אויף איהם קיין רחמנות ניט געהאט, איך אליין האב איהם געבינדען, און די ווערסט עס מיר איצט ניט געדענקען: און ניט רחמנות האבען אויף מיינע קינדער?" - יצחק האט אנגעהויבען צו טענה'ן: רבונו של עולם! ווען מיין פאטער האט מיך געפירט צו דער עקדה, האב איך זיך ניט געשטעלט געגען דיינע רייד. און מיט מיין גוטען ווילען האב איך זיך געלאזט בינדען אויף דעם מזבח, און אויסגעצויגען מיין האלז פאר'ן מעסער, און דו ווערסט עס מיר ניט געדענקען, און ניט רחמנות האבען אויף מיינע קינדער?" און יעקב האט גענומען בעטען: האב איך דען ניט געדינט צוואנציג יאהר לבנ'ען, און ווען איך בין פון איהם אוועק, האט מיך באגעגענט עשו הרשע, און האט געוואלט אויס'הרג'ענען מיינע קינדער, און איך האב זיך מוסר נפש געווען פאר זיי, און איצט זיינען מיינע קינדער אין עת צרה, און די ווערסט עס מיר ניט דערמאנען און רחמנות האבען אויף מיינע קינדער?, - און משה האט אזוי געטענה'ט: "רבונו של עולם! בין איך דען ניט געווען פערציג יאהר אַ טרייער פאסטוך ביי אידען, איך בין פאר זיי געלאפען ווי אַ פערד אין מדבר, און ווען עס איז געקומען די צייט, וואס זיי האבען שוין געדאַפט אריינגעהן אין זייער לאנד, האסטו גוזר געווען, אז מיינע ביינער זאלען פארפוילט ווערען אין דער מדבר, און איצט, אז מען האט די אידען פארטריבען אין גלות. - האסטו געשיקט נאך מיר, אז איך זאל זיי באוויינען און באקלאגען. - און משה האט אנגעהאלטען דיינע טענות און געזאגט: אין דיין תורה שטייט דאך, אז אן אקס, אדער אַ שעפס טאר מען ניט קוילען אין איין טאג מיט זיין קינד — און דא האב איך געזעהן, אז מען האט געהרג'עט פילע מאמעס מיט קינדער צוזאמען, - און דו שווייגסט! צולעצט האט זיך די מוטער רחל אוועקגעשטעלט פאר גאט און געטענה'ט: "רבונו של עולם! די ווייסט דאך ווי יעקב, דיין קנעכט האט מיך געליבט מיט אזא גרויסער ליבע, אז ער האט צוליב מיר געדינט זיבען יאהר ביי מיין פאטער, און ווען עס איז געקומען די צייט פון מיין חתונה האב איך זיך דער וואוסט, אז מיין פאטער וויל מיך אויסבייטען אויף מיין שוועסטער לאה, האב איך וועגען דעם אויסגעזאגט מיין מאַן, און איהם געגעבען אַ סימן, אז ער זאל מיך דערקענען אונטער דער חופה, ווען מיין פנים וועט זיין פארדעקט מיט דעם חופה טיך, אבער נאכדעם האב חרטה באקומען, איך האב רחמנות באקומען אויף מיין שוועסטער, אז זי זאל ניט ליידען קיין שאנדע אונטער די חופה, האב איך איהר איבערגעגעבען דעם סימן. — און דו, דער באשעפער פון דער וועלט, וואס לעבט אייביג, און איז פול מיט רחמנות, ווי פאסט עס אז די זאלסט לאזען פארטרייבען מיינע קינדער, און זיי זיינען געפאלען אונטערן שווערד, און די שונאים האבען מיט זיי געטאן, וואס זיי האבען געוואלט? — — —

---

גליך האט זיך דערוועקט דער רחמנות פון גאט און ער האט געזאגט: צוליב דיר רחל, וועל איך די אידען צוריק קערען צו זייער לאנד — וְשָׁבוּ בָנִים לִגְבוּלָם (ווי מיר האבען דאס דערלעבט אין אונזער צייט צו זעהן!). - און דער היינטיגער שבת רופט זיך "שבת נחמו". ווייל ניט בלויז זיינען די אידען געטרייסט געווארען, נאר אויך "כביכול", גאט אליין איז געטרייסט געווארען, ווי עס שטייט אין פסיקתא רבתי פ"ל, "נחמו נחמו עמי, נחמונו נחמוני עמי", מיין פאלק טרייסט מיך, "בנוהג שבעולם אדם יש לו כרם ובאו לסטים וקצצו אותו, למי מנחמים ולכרם, או לבעל הכרם — אתם כרם שלי, שנאמר כרם ד' צבאות בית ישראל אני שצריך להתנחם, נחמוני נחמוני עמי," — ווען איינער האט אַ וויינגארטען, און עס קומען רויבער און פארניכטען אים, וועמען דארף מען טרייסטען, ניט דעם אייגענטימער פון דעם וויינגארטען?, איר זייט דאך מיין וויינגארטען, איך דארף ווערען געטרייסט דערפאר "נחמוני עמי," מיין פאלק טרייסט מיך:

געקומען מיך צורופן צום בעל שם, בין איך מיט אייך גלייך מיטגעגאנגען, דער בעל שם האט מיר ארויסגעגעבן אַ תשובה, און מיר געזאגט, ווי אזוי איך זאל זיך אויפפירן, און וואס צו טאן; - צוויי דריטעל, פאר צדקה; און זאל באזעצן זיך אין אַ שטאט וואו מען קען מיך ניט, מיין גאנצען לעבען זאל איך זיין אַ מכניס אורחים, ווען איך האב דאמאלט געפרעגט דעם בעל שם אז ער זאל מיר געבען עפעס אַ סימן, אז איך זאל אז גאט האט מיין תשובה אנגענומען, האט דער בעל שם מיר געענטפערט: ווען מיינער אַ שמש וועט קומען צו דיר, און דערציילען די געשיכטע פון דעם גלת, דאס וועט זיין אַ סימן אז גאט האט דיר מוחל געווען דיינע זינד, און די ביזט צוריק אַ פאלקאמענער איד, - ווען איהר זייט לעצטע וואך צו מיר געקומען, אלעס דער געוועזענער שמש פונ'ם בעל שם איז ביי מיר מער קיין צווייפעל ניט געווען, אז דער סימן וואס בעל שם האט מיר געגעבען ווערט פארווירקליכט, אבער ווען (אייער) איהר האט מיט איינמאל פארלוירען אייער זכרון, האב איך פארשטאנען אז איך באדארף נאך מער תשובה טאן, דערפאר האב איך אייך געבעטען אז איהר זאלט פארבלייבען ביז היינט, מיטוואך, די פיער טעג, פון זונטאג אָן האב איך געפאסט געטיילט אַ סאך צדקה, און געבעטען צו גאט, איצט אז איך האב געהערט פון אייער מויל, מיין טרויעריגע געשיכטע, בין איך זיכער אז גאט האט מיין תשובה אנגענומען, און איך בין ריין פון זינד,
ר' שמעון, האט ר' משה'ן שוין ניט געלאזען אוועקפארען, ר' משה'ס פרוי און קינדער זיינען געקומען צום ר' שמעון; - און ר' שמעון האט זיי אויסגעהאלטען מיט אלע באדערפענישען פינקט ווי זיי וואלטען געווען אַ אייגענע משפחה, - אט אזוי איז ר' משה געהאלפען געווארען, און האט מער ניט ארומגעוואנדערט. -- דעם בעל-שם'ס הבטחה איז פינקטליך מקוים געווארען

דער תמצית פון דער מעשה האב איך געהערט פון מיין אפריינד, אַ געוועזענער חסיד, אין תש"ט 1949, פון משה ארעלשטיין

---

## וועגן ספר „קהלת"

דער ספר „קהלת", וועלכען מיר לייענען אים סוכות, איז אַ זאמלונג פון כל מיני חרטה'ס, זאגט אויף דעם דער דובנא'ר מגיד. אז עס איז דער שטייגער ביי יעדען מענש, ווען ער קומט אויף דער עלטער, און ער הויבט אָן צו מאכען אַ "חשבון הנפש" וועגען אלעמען, וואס ער האט אויפגעטהון, דער גאנצער צייט פון זיין לעבען, דאכט זיך איהם, אז בלויז ער האט געהאט אַ טעות אין זיינע חשבונות, און בלויז ער האט שלעכט געלעבט, דאגעגען האט יעדער אנדערער געלעבט קליגער און גליקליכער פון איהם; אט אזוי טראכט יעדער איינער, זיינען דערפאר אין „קהלת" צונויף-געזאמעלט די חרטה'ס פון כל המינים טיפען, פון יעדען ארט און שטייגער לעבען, איז דאס געגליכען צו אַ חברה בלינדע בעטלער. וועלכע שטעהן אין גאס און בעטען נדבות, - געהט פארביי איינער אַ ליץ און ער טהוט אַ זאג: נאט'ס אייך אט האט איהר דא אַ גאנצען דאלאר און טיילט'ס אייך איין מיט דעם!" - מיינט יעדער פון די בלינדע, אז דער אנדערער האט דעם דאלאר באקומען, - אבער אין אמת'ן לעבט יעדער אין אַ טעות, ווייל קיינער האט גאר נישט באקומען! ....

צוקומענדיג צום פסוק „יוסף דעת יוסיף מכאוב", פלעגט ר' מענדעלי קאצקער זאגען „זאל אפילו וועה טהון, אבי עס זאל זיין מעהר דעת!" ..... וואס דער פסוק זאגט: „וראיתי אני שיש יתרון לחכמה מן הסכלות".

# דער בעל־שם און זיין תלמיד

צבי הירש ד׳

אגרויסער אידען פיינד, ער באקומט אַ יערליכען געהאלט
פון דער קירכע אז ער זאל ארומפארען, אין די געגענדען וואו
עס וואוינען אידען, און אויפהעצען די גוי׳אישע באפעלקערונג
געגען די אידען, זיינע גיפטיגע אנטסעמיטישע דרשות, האבען
שוין געבראכט עטליכע פאגראמען אויף אידען, איבערהויפט אין
דער וואך ווען עס פאלט אויס זייער (כּאגע.) דער פאסכע, מיר
די אידען דא, — האבען באשטימט, זיך ניט צו ווייזען אין דער
עפענטליכקייט, היינט און מארגען, ביז דער גלח דער רשה,
וועט פארלאזען די שטאדט, דער בעל־שם האט געגעבען אַ שמייכעל
און זיך אפגערופען — איך וועל מיט גאט׳ס הילף, דעם רשע׳ס מויל
פארמאכען, "יִסָּכֵר פִּי דוֹבְרֵי שָׁקֶר". איהר האט ניט פארוואס צו שרע-
קען זיך און זיין באזארגט, דער בעל־שם האט געבעטען דעם גאסט-
הויז אייגענטימער, אז ער זאל מיר אנווייזען וואו דער גלח האט
קוואטיר. און צו מיר האט דער בעל שם געזאגט: — משה, גיי
צום גלח און זאג איהם אז איך, ישראל דער בעל־שם פון
מעזביזש, פארלאנגט פון איהם ער זאל גלייך קומען צו מיר,
איידער עס וועט ווערען צו שפעט, !..... און דאמאלט האט
פאסירט אַ גרויסער מופת, — איך האב אלעמען געזעהן, און קיינ-
ער האט מיך ניט געזעהן, דער גאנצער הויף וואו דער גלח
האט קווארטירט, איז געווען פול מיט טויזענטער פוירים וואס
זיינען געקומען פון די ארומיגע דערפער צו באגריסען דעם
גלח, און קיינער, האט ניט געזעהן מיין אריינקימען, אין מיין
ארויסגעהן, איך האב זיך דורכגעשפארט דורכ׳ן המון, — און
האב איבערגעגעבען דעם גלח דעם בעל שמ׳ס ווערטער,
אז ער זאל גלייך קומען צו איהם, דער גלח איז געבליבען
שטעהן אַ דערשראקענער, ער האט גערערט עטליכע
ווערטער צו דער מאסע מענשען, — וואס איך האב ניט
פארשטאנען, און איז מיט מיר גלייך אוועק געגאנגען ·· צום בעל־
דער בעל שם האט זיך אפגעשלאסען מיט׳ן גלח אין אַ באזונדער
צימער פאר אַ שעה צייט, און ווען דער גלח איז אוועקגעגאנגען,
האט דער בעל־שם געלאזט וויסען דעם (ראש הקהל)
אז די אידען האבען זיך ניט פארוואס צו שרעקען, און אזוי
איז טאקע געווען, זייער דאגע איז אריבער רוהיג און שטיל,
"לא יחרץ כלב לשונו" אפילו אַ הינט האט אויף אַ אידען ניט
געהאווקעט, — די גאנצע צייט וואס ר׳ משה האט גערעדט,
איז ר׳ שמעון געזעסען מיט ארונטערגעבויגענעם קאפ, און
מיט גרויס אויפמערקזאמקייט, זיך צוגעהערט צו יעדעס
ווארט, און ווען ר׳ משה געענדיגט זיין דערצעהלונג, האט זיך
ר׳ שמעון אפגערופען — איצט וועל איך ענדיגען, צו דערצ-
עהלונג, און וועל איך באקאנט מאכען די אלע איינצעלהייטען
פון דעם גלח, צו מיין אייביגע שאנד בין איך דאס. געוועזן
דער גלח, פון וועמען איהר האט ערשט געענדיגט אייער
דערצעהלונג, —···איך בין געווען אַ ישיבה בחור, און
אַ גרויסער למדן, דאך איז מיר געווען דער לעבען אַ דעהר
געמוטשעטער, מער ווי טרוקענע ברויט מיט וואס ער

און שלאפען אויף אַ הארטע באנק, האב איך ניט געהאט, — איינמאל
בין איך זעהר שטארק קראנק געווארען, קיינער האט זיך אויף מיר
ניט ארומגעקוקט, מען האט מיך אוועקגענומען אין "הקדש" וואו עס
וואלגערען זיך ארום דארט, אלע בעטלער, שנארער און אלע נידע-
ריגע קלאס מענשען, מען האט צו מיר אפילו אַ פעלדשער ניט געבר-
אכט פרובירען צו ראטעווען מיין יונג לעבען, — און ליגענדיג אויף
מיין קראנקען בעט, האט אין מיין קאפ גענומען טראכטען די
אלטע פראגע, "זו תורה וזו שכרה ?" אזוי ווערט מען באלוינט
פאר תורה לערנען ? , און אזוי ווי איך האב זיך געפילט אביסעל שטארקער
און געזונטער, בין איך אוועק און האב זיך גע׳שמד׳ט — זעהר גיך האב
איך באקומען דעם טיטעל "גלח" מיט גרויסע אויסצייכענונגען
איך האב באקומען אַ געהאלט, אז איך זאל ארומפארען, אין האל-
טען דרשות געגען די אידען, — וואו איך בין געקומען, האט דער
אונוויסענדער עולם געלויבט אין מיינע רייד, זיי האבען מיך
באשאנקען מיט פרעזענטען און גרויסע סומע געלט, איך בין
געווארען רייכער פון טאג צו טאג. — רייץ נאך רייכקייט, און דער
פארלאנג נאך כבוד, האט מיך אזוי פאר׳שיכור׳ט, מיינע אויגען
זיינען געווען פארשטעלט, מיין קאפ פארטעמפט, ווי דער
טייוועל האט מיך אריינגענומען אין זיינע הענד; ····· אז איך אַ
געבוירענער איד זאל מיט אזא האס פארפאלגען, מיין אייגענ-
עם נעם שטאם פון וואנען איך בין ארויסגעוואקסען, — — — —
דא האט ער זיך, אפגעשטעלט, און ער האט ניט געקענט מער
רעדען, די׳נע אויגען זיינען אנגעפילט געווארען מיט טרערען,
האט ר׳ משה צו איהם געזאגט — איהר דארפט זיך פרייען
וואס איהר האט זוכה געווען, דאס צו דערצעהלען, אלעס
אַ בעל תשובה, איהר ווייסט דאך אז אַ בעל תשובה שטעהט
העכער פון אַ צדיק, — איהר דענט גערעכט ר׳ משה, האט
ער זיך אנגערופען, און ער האט ווייטער פארטגעזעטץ זיין
דערצעהלונג — ... מיך פלעגט זיך אפט חלומ׳ען, ווי איך זעה
מיינע עלטערען, און די בעטען ביי מיר, אז איך זאל
זיך אומקערען פון דעם שלעכטען וועג, און איך ווערען
אַ בעל תשובה, — אבער איך האב זיך פון די חלומות אויס
געלאכט, ווייל ווען איך בין שוין אזוי פארזונקען אין די
— מ"ט שערי טומאה, — אז איך האב אוועקגעווארפען
מיין גלויבען, מיין פאלק, וואס פאר אַ ווירקונג קען אויף
מיר מאכען אַ חלום ? — די נאכט, וואס אויפמארגען האט מיך
דער בעל שם גערופען צו זיך, האט זיך מיר גע׳חולמ׳ט,
אז מיינע עלטערען שטעהען פאר מיר, און וויינען, און די
זאגען צו מיר: איצט האסטו די לעצטע געלעגענהייט, זיך אומצ-
וקערען צו דיין גאט, און צו דיין פאלק, און ווערען צוריק אַ
ריכטיגער איד דורך תשובה טאן, מארגען וועט דער
בעל שם דיך רופען צו זיך, — די זאלסט גלייך געהן צו
איהם, און ער וועט דיר ווייזען דעם וועג, ווי צו ווערען
אַ בעל תשובה, — אט דער חלום האט אויף מיר געמאכט
אַ שטארקען רושם, און ווען איהר זענט אויף מארגען

313

# פרעזידענט [illegible]

# יחיאל

# הכהן דער גבאי

אַ טרויעריגע פּאַסירונג וואס עס האט געט=
ראפען, ביי מ׳ יחיאל הכהן הערמאן, דער זקן,
דער כהן. יחיאל. אין. 1952. ווי באַוויסט איז מ׳ הערמאן
מיט זיין פרוי שיינדיל געווען עלטערע מענשען. מיר האבען
זיך. געלעבט זייער בשלום, און אלעס איז געווען. אין
בעסטען אָרדענינק, נאר אזוי ווי מיר ביידע, האבען זיך
געפילט אז דער עלטער קומט אָן, האבען מיר ביידע
געפאסט, אז מיר זאלען זיך אביסעל אדארך פאהרען
אויפען ווינטער קיין מי׳ יאמי׳ (פלרידע) און מיר וועלען
יינגער ווערען מיט 20. יאהר. מיר האבען געהאט
די הַסְכָּמָה פון אונזערע קינדער

די שוהל פון איהר זייט האט געוואלט מאכען, פאר
אונז **צאתכם לשלום** — דאס מיינט אז מיר
געזעגנען זיך. אויף שטיקעל צייט מיט מיינע ברודער
פון דער שוהל תפארת ירושלים, - אבער מיר האבען
ניט געוויסט די ריכטיגע צייט. ווען מיר וועלען אוועק
פון דער באַוויסטער שטאָט פעפינו. - מיר זיינען
אוועק געפארען אָן אַ צאתכם לשלום

December 6., 1951.

## אַ באריכט אז דער גבאי קומט בשלום

אהיים און כראַך פאפינו - - - - - ,,

מיר האבען פאבראכט זייער פיין אין שיין. אויף
אַ יודעשען דרך, און מיר זיינען געפארען צוריק צו
דער באוואסטער כרך פעפינו, דאס איז געווען. [illegible]
דעם 1. [illegible] אפריל. אכט פאר פסח תשי״ב 1952.
באלד נאך פסח, ביי אַ מיטונג פון דער שוהל, איז
געפאסט געווארען, אז אַ **בואכם לשלום**
זאל געמאכט ווערען, פאר ברודער יחיאל הכהן
מיט זיין פרוי וואס זיינען געקומען בשלום פון מי=
יאמי -- פארשטייט זיך -- אז מ׳ הערמאן האט
נישט געוואסט וואס די שוהל גייעט מאכען אַ בואכם לשלום
עס איז געטאהן געווארען בסוד אז דער מחותן זאל
זיין וויסען -- אַ קאמיטע איז פון דער ערוועלט
געווארען / בראנז / דמבראווסקי / גלאסמאן שוהל ריטשלער
יהשוע הערמאן / - אז די זאלען אטענדין דעם באנקעט

עס איז געפאסט געווארען, אין 15. June 1952
זונטאג כ״ב ר״ח סיוון פרשה שלח תשי״ב׳
דער באנקעט וועט פאר קומען אין שוהל. תפא״ת ירוש׳

עס זיינען אנוועזענט געווען אלע מעמבערס. פון
דער שוהל. אָן אַסאך גוטע פריינט, און דער
ראש ישיבה ר׳ שמואל. פון דער מתיבתא ראשית =
חכמה, און נאך אסאך געסט פון ישיבת - דער עלום האט
פיין פאבראכט הן אין גשמיות און הן רחניות, מען
האט געבענשט, מען האט זיך פיין געזעגנט, מיט דעם
גבאי, אי מיט די גבאיטע, אגוטע נאכט אללע

מאנטאג שני בשבת, דינסטאג שלישי בשבת
. מיטוואך רביעי בשבת. דאנערשטאג חמישי בשבת
, פרייטאג ששי בשבת,

**פרייטאג ליכט געצינדען געמאכט**
**די ברכה להדליק נר של שבת.**
אין האט זיך אוועק געזעצט, און צו גימאכט די
אויגען אויף תיבי״ג, די ליכט האבען גאך
געברענט

זאנטאג מערץ 23, 1952,

# אַ באַנקעט פאַר'ן פרעזידענט מ' און מר'ס בראַנז

אויף אַ זעהר אנשטענדיגען אופ'ן. האט די פיהרשאפט פון דער **תפארת ירושלים** שוהל
אין פעפעני געפייערט דעם דרייסיגען 30, יעהריגען **חתונה**
פון דייער ווירדיגען פרעזידענט מ' מארים **בראנז** און מיסעס עני **בראנז** און מ'
עפשטיין'ס רעסטאראן לעצטען **שבת** אוועט, אין דער אוועזענהייט אַ גרויסע צאהל פריינד
און כמעט אלע מעמבערס פון שוהל.— עס איז געווען אַ דינער פון העכסטען גראד, עס איז געקומען
באַגריסענגען פון אלע אינסטאטאשענס, וואס דער פרעזידענט מ' בראנז באלאנגט, — — —
און נאמען פון שוהל איז מ' און מיס' בראנז (פרעזענטירט) פרעזענטיערט געווארען מיט אַ שיינעם.
דינער סעט. און די געווינשען, אז די פאמיליע בראנז זאל דאס פאר יאהרען געזונטערהייט,
מ' בראנז און מיסעס בראנז, האבען דאנעט הינדערט, 100 ,דאלער צו דער שוהל תפארת ירושלים
אלע געסט זענען געווען צו שטארק צופרידען פון שיינעם באנקעט. פון **מ' בראנז פרעזידענט**

יחיאל כ״ץ גבאי

August. 5. 1952

# בית התפלה

פרעזידענט בראנז

שנת תשי״ב

## תפארת ירושלים

א מיטינג אין שוהל .5 טאג אין חדש אב

פרעזידענט מ׳ בראנז. האט געבעטען אז אלע אוועזענדע ביידעם מיטינג זאלען אויף שטעלען און געבען כבוד אנדיינק פון די פארשטארבענע שוועסטער שיינע הערמאן!

מען האט דעבאטירט וועגען א חזן אויף די ימים נוראים. עס איז געפאסט געווארען אז מען זאל אדוועטיידען אין קענעדער אדלער פאר די סומע .300 דאל עס איז אויך געפאסט געווארען צומכען א פיל ראש השנה פאר ד׳ מתיבתה אין מאור הגולה דאלער 18 (?)

.21 סעפטעט.

זונטאג ב׳ תשרי

תשי״ג . 1952

דער פרעזידענט האט רעפארטעט אז ער האט געגעבען דעם (באדזש) פון סעמעטרי צו חזן קליין פאר .60 דאל, פרעזעדענט האט רעפארטעט אז ער האט געמאכט א קאנטראקט מיט דעם חזן פראימאוויטש אויף ימים נוראים פרייז 300 הינדערט דאלער, ריטשלער א בעל שחרית .5 דאלער

# המלך

# ראש השנה

## לפ״ק תשי״ג

שנת שנת

## אין שוהל

די שוהל איז ליכטיג, מיט פרייליכע פענעמער קומט יעדער איינער אין שוהל. און נאך דעם דאווענען מעריב, גוט גוהט יום טוב הערט זיך פון יעדען איינעם א כתיבה וחתימה טובה **אמן**

א מיטינג 21 סעפטעמבער

ברודער דזשעק שווארץ האט דענעטעט א פארוכעס (פרכת צו דער שוהל אין איינדיינק פון זיין פארשטארבע מוטער שרה ווייסמאן

ב׳ שלמה גאלדבערג האט אנגענומען צו מאכען דעם כל נדרי אפיל אין שוהל

עקיבה בר צבי טאוושאנסקי



תפארת ירושלים

קאנגריגיישאן

ישראל

מ׳ בראנד פרעזידענט — גבאי יחיאל הכהן

מיטינג

יהושע הערמאן וויס פרעזידענט — גבאי שני דוד ד׳יטקאטש

# מוצאי יום כפור אין שוהל מאנטאג

29. סעפטעמבער

דער פרעזידענט, און אלע אפיסערס פון דער שוהל, ווינשען אלע מעמבערס גמר כתיבה וחתימה טובה

דער סעקריטער ריטשלער האט אנעסירט אז יום כפור קלעשען איז געווען 41 ,9 הינדערט

נאמיניישע

עס איז פארגעקומען נאמיניישע׳ און - אלעקשענס

דער רעזילטאט. ברוך בראנד פרעזידענט

וויס פרעזידענט יהושע הערמאן

גבאי פאלעק דאבראווסקי. גבאי שני דוד ד׳טקאטש

סעקרעטער ל׳ קישנער. טרעזשירער גלזמאן. רעוורענט יחיאל הכהן

כל נדרי אפיל 2.00 45 - האספיטאל אופהאפ 96, דאלער

אתרוג לולב

אקאמיטע
צו קויפען
אתרוגים
יחיאל הערמאן
מ׳ ווייסמאן

מרדכי ב״ר ישראל טריבולב






שנת
תשי"ג

September 29
1952

# בית הכנסת
# תפארת ירושלים

גבאי פאלק דאבראווסקי — גבאי שני דוד יטקאטש

פרעזידענט באָרוך בראנז ◇ וויס פרעזידענט יהושע הערמאן

# ט"ו כסלו חברה קדישה סעודה

גבאי פאלק דובראווסקי | December 3. | סעקריטער ברוך בראנד

אזוי ווי עס איז אַ מנהג בכל ישראל צו מאכען, ט"ו כסלו אַ סעודה של מצוה, ובפרט אין שוהל תפארת ירושלים. זיינען מיר אויך מקים דעם מנהג. ב' פאלעק דער גבאי. האט ניט געקענט זיין ביי'דעם מיטינג. האט מען מכבוד יהושע הערמאן דאס מאהל צו פיהרען די טשער. הערמאן האט געעפענט דעם מיטינג, און ער האט גענעבען מיט'ן שוהל האמער דריי .3. קלעפ - אלעס אב צו געבען כבוד. צו אלע נפטרים פון דער שוהל ז"ל.- דער גאנצער עולם האבען זיך אויפגישטעלט אלעס אַ צייכען פון צער

כוס לחיים

## חברה קדישה סעודה — לחיים ברודער

מען האט געבעטען מ'הערמאן דער גבאי פון שוהל, צו ערקלעהרין דעם עולם דעם באדייטונג פון ט"ו כסלו פארדי חברה קדישה. מען האט גיגעבען יעדען דאס דאס ווארט, צו רעדען. דער פארדאמילטער עולם מיט זייערה פרויהן. האבען ביי געדעקטע טישען, פיין פאבראכט פון כל טוב מען האט געווינשט אז די חברה קדישה זאלען ניט האבען אַ גאנץ יאהר קיין מתים. מיר אחינו בני ישראל זאל שוין זיין אַ גאולה שלמה. און אלע רשעים זאלען באקומען אשטראף--

## דער 11סטער יעהרליכער חנוכה פעסט

December 14. 1952.




אַ. חנוכה מיטינג, אין שוהל דער עולם איז צו דאמען געקומען אין שוהל. איז ליכטיג אין יום טובדיג דער פרעזידענט מ'בראנד האט ניט געקענט ביי'דיין, ווייל ער איז געווארען אַ אבל רח"ל, יהושע הערמאן, דער וויס פרע' אלעס טשערמאן האט געעפינט דעם חנוכה מיטינג מען האט געבעטען דעם גבאי מ' הערמאן אז ער זאל בענשען חנוכה ליכט דער סעקריטער האט געלענט דעם פראטיקאל פון גאנץ יאהר דער עולם האט געטרינקען לחיים לשנה הבאה בירושלים. אַ גוטע נאכט

אברהם שמואל בער משה גאלדשטיין

ד

תפארת ירושלים שוהל פון פאפינו האט דורכגעפיהט

אַ חנוכּת הגדר סעפטעמבער. 19, 1952.

לעצטען זונטאג פריה איז אויף דער נייער סעמעטערי פון דער תפארת ירוש
ירושלים דורכגעפיהרט געווארען אַ שעהנע צערעמאניע ביים פייערען דעם חנוכת הגדר אונטער דער אנפיהרונג פון מר׳
מ׳ גינזבורג. — נאכדעם ווי עס איז אין קורצע ווערטער אויפגעקלעהרט געווארען די חשיבות פון אַ נייער סעמעט
ערי, האט דער טשערמאן מר׳ מ׳ גינזבורג מכבד געווען די צוויי מעמבערס פון שוהל מר׳ מ׳ וויסמאן, און מ. ליטוואק
איבער־צושניידען דעם באנד, אויף דעם געפלאנטען טויער. — און דאן איז דער גאנצער עולם ארויף אויף דער סעמע
טרי און דאס פראגראם האט זיך אנגעפאנגען. עס זיינען געמאכט געווארען הקפות, און עס זיינען געזאגט געווארען
די פסוקים פון „קרע שטן״ — און דאן האט מ׳ גינזבורג געהאלטען די הויפטרעדע, דעם צוועק
פון דער פיינעם צוזאמענקומט, און גענדיגט, מיט אן אפיל, — ווי עס האט אריין געבראכט קנאפע פיר טאזענט
דאלער, פאר די סעמעטרי. — אינזער פרעזידענט מר׳ מאריס בראנז, פון דער שוהל, איז גראדע נישט געווען
אין מאנטריאל, האט ער געמאכט אַ גרויסע אנשטרענגונג צו קומען מיט (ערראפלאן) פון נאווי־סקאשי, און ער
האט נאך באווידען צו באטייליגען אין דער גרויסע שמחה, און דער גאנצער עולם איז געווען צופרידען וואס וואס די
שוהל האט פארזארגט אויף להבא — פארשטייט זיך אז דער עולם האט געמאכט אַ גוטען לחיים, און מען האט
געווינטשען, אז דער פלאץ — וואס מיר אלע שטעהען דא זאל ער פוסטעווען אַ סאך יאהרען

שנת
תשי״ג

September 29
1952

בית הכנסת
תפארת ירושלים

גבאי פאלק דאבראווסקי

גבאי שני דוד יטקאטש

פרעזידענט באדוך ברוך בראנז ◇ וויס פרעזידענט יהושע הערמאן

# טו׳ כסלו חברה קדישה סעודה

גבאי פאלק דובראווסקי | December 3. | סעקריטער ברוך בראנז

אזוי ווי עס איז אַ מנהג בכל ישראל צומאכען, טו׳ כסלו אַ סעודה של מצוה, ובפרט
אין שוהל תפארת ירושלים, זיינען מיר אויך מקים דעם מנהג. ב׳ פאלעק דער גבאי. האט
ניט געקענט זיין ביי דעם מיטינג. האט מען מכבוד יהושע הערמאן דאס מאהל צו
פיהרען די טשער. הערמאן האט געעפענט דעם מיטינג, און ער האט געגעבען מיט׳ן שוהל האמער
דריי .3. קלעפ - אלעס אב צו געבען כבוד. צו אלע נפטרים פון דער שוהל ז״ל. - דער גאנצער עולם
האבען זיך אויפגישטעלט אלעס אַ צייכען פון צער

## לחיים ברודער

## חברה קדישה סעודה

כוס לחיים

מען האט געבעטען מ׳הערמאן דער גבאי פון שוהל, צו ערקלעהרין דעם עולם
דעם באדייטונג פון טו׳ כסלו פאר די חברה קדישה. מען האט גיגעבען יעדען דאס וואָרט. צו רעדען.
דער פארדאמילטער עולם מיט זייערע פרויהן. האבען ביי געדעקטע טישען, פיין פאבראכט פון כל טוב
מען האט געווינש אז די חברה קדישה זאלען ניט האבען אַ גאנץ יאהר קיין מתים. מיר אחינו בני ישראל
זאל שוין דיין אנאלה שלמה. און אלע רשעים זאלען באקומען אשטראף--

## דער 1ל׳סטער יעהרליכער חנוכה פעסט




December 14. 1952.

אַ. חנוכה מיטינג, אין שוהל
דער עולם איז צו זאמען געקומען
אין שוהל. איז ליכטיג אין יום טובדיג
דער פרעזידענט מ׳בראנז האט ניט
געקענט ביי דיין, וייל ער איז געווארען אַ
אבל רח״ל, יהושע הערמאן, דער וויס פרע׳
אלעס טשערמאן האט געעפינט דעם חנוכה
מיטינג מען האט געבעטען דעם גבאי מ׳ הערמאן
אז ער זאל בענשען חנוכה ליכט דער סעקריטער
האט געלענט דעם פרעטיקאל פון גאנץ יאהר
דער עולם האט געטרינקען לחיים לשנה
הבאה בירושלים. אַ גוטע נאכט





[illegible] שמואל בער משה גאָלדשטיין

ז

# תפארת ירושלים שוהל פון פאפינו האט דורכגעפיהרט
## אַ חנוכּת הַגָּדֵר סעפּטעמבער .19 ,1952.

לעצטען זונטאג פריה איז אויף דער נייער סעמעטערי פון דער תפארת ירושלים דורכגעפיהרט געווארען אַ שעהנע צערעמאניע ביים פייערען דעם חנוכת הגדר אונטער דער אנפיהרונג פון מר׳ מ׳ גינזבורג. – נאכדעם ווי עס איז אין קורצע ווערטער אויפגעקלערהרט געווארען די חשיבות פון אַ נייער סעמעטערי, האט דער טשערמאן מר׳ מ׳ גינזבורג מכבד געווען די צוויי מעמבערס פון שוהל מר׳ מ׳ וויסמאן, און מ׳ ליטוואק איבער-צושניידען דעם באנד, אויף דעם געפלאנטען טויער. – און דאן איז דער גאנצער עולם ארויף אויף דער סעמעטערי און דאס פראגראם האט זיך אנגעפאנגען. עס זיינען געמאכט געווארען הקפות, און עס זיינען געזאגט געווארען די פסוקים פון „קרע שטן״ – – און דאן האט מ׳ גינזבורג געהאלטען די הויפט רעדע, דעם צוועק פון דער פיינעם צוזאמענקומט, און געענדיגט מיט אן אפיל, – ווי עס האט אריין געבראכט [illegible]-קנאפע פיר טאזענט דאלער, פאר די סעמעטערי. – – – אונזער פרעזידענט מר׳ מאריס בראנז פון דער שוהל, איז געראדע נישט געווען אין מאנטיריאל, האט ער געמאכט אַ גרויסע אנשטרענגונג צו קומען מיט (אַעראפלאַן) פון נאווי-סקאשי, און ער האט נאך באווידען צו באטייליגען אין דער גרויסע שמחה, און דער גאנצער עולם איז געווען צופרידען וואס די שוהל האט פארזארגט אויף לַחַיִּים – – – פארשטייט זיך אז דער עולם האט געמאכט אַ גוטען לחיים, און מען האט געווינטשען, אז דער פלאץ – – – וואס מיר אלע שטעהען דא זאל ער פוסטעווען אַ סאך יאהרען

# שוהל

## תפארת ירושלים

פרעזידענט מ. בראון יחיאל כ״ץ [illegible]

ראשית בלייבט געזונד אין איך פאר אוועק קיין מי-ימיי אין גאט זאל העלפען
אז איך זאל בשולם איבער קומען געזינטערהייט אמן ואמן

## דריי בעלי תפילות

אין דעם אלטען בית המדרש אין ירושלים. פלעגט ראשהשנה פלעגט
אין יום כפור דאוונען פאר׳ן עמוד אן ארימער איד, אלס בעל תפילה
אין ער פלעגט באקומען באצאהלט, איינמאל האט זיך איינגעשפארט
דער גבאי פון בית המדרש, אז ער וועט דאוונען אומזיסט, איז מען געגאנגען
צו ר׳ שמואל סאלאנט פאר א דין תורה, דער רב האט געזאגט צום גבאי
אין תהילים האבען מיר דריי בעלי תפילות: ״תפילה למשה״ תפילה לדוד״
און תפילה לעני״ קענט איהר זיין אזא בעל תפילה ווי משה רבינו איז געווען?
רבי! איהר מאכט פון מיר חוזק! ווי קום איך צו משה רבינו, אדער צו דוד המלך
צו קענען בעטען ביי גאט ווי זיי? — האט דער גבאי זיך געוואונדערט — אויב
אזוי — האט ר׳ שמואל זיך אפגערופען — מוז מען ניצען די תפילה לעני״ און דער
ארימאן וואס דארף די געלט פאר יום טוב — ער זאל זיין דער בעל תפילה

זמן הרי משה מאסקאוויץ

# רש״י׳ס וואונדערליכע לעבענס געשיכטע

די הילף און די שטיצע פון איר ארימער פאמיליע, האט אבער דער בחור פלוצלינג אוועקגעווארפען איר טאכטער און
זיך אויסגעקליבען אַן אנדערע כלה — אַ רייכע. אין קינד גייט אויס פון בענקשאפט און איז געווארען קראנק פון ערגע-
רניש — ליבע פרוי. איך האב מיט אייך גרויס מיטלייד. — האט דער נגיד געזאגט מיט אַ צערטליכען קול — אבער.
וואס אַ שטייגער קאָן איך טאן דערצו. ? שטייט דען אין מיין מאכט צו צווינגען דעם בחור, אז ער זאל הייראטען מיט
אייער טאכטער ? — !— האט די ארימע פרוי אויסגעשריגען מיט אַ פארביטערטער הארץ — איר קענט עס טאן !
זייט ווסען. אז דער יונגערמאן, וואס האט פארלאזען מיין טאכטער, גייט מארגען חתונה מיט אייער טאכטער. ! דער נגיד
איז געבליבען שטיין אַן אטעם, ער האט זיך אזש געטרייסעלט פון איבערעגונג, ער האט זי געבעטען דערוויל צו גיין אהיים און
פארדיכערדט די זאך גרינדליך אויסצופארשען אויב עס איז ווירקליך אזוי ווי די זאגט, וועט ער זיך באמיען איר צו העלפען
רש״י האט זיך שוין ניט געלאזט בעטען, גאר מיט צופרידענקייט אנגענומען די איינלאדונג צו דער חתונה. ער א[illegible]געווען זעהר
נייגעריג צו זען מיט וואס די דאזיגע געשיכטע וועט זיך ענדיגען. — אויפ׳ן צווייטען טאג אין אוונט איז די חתונה געפראוועט
געווארען מיט גרויס פראכט און גלאנץ, אין נגיד׳ס פאלאץ. עס זיינען געווען געלאדען אלע פני פון שטאט. די שטאטרבנים
זיינען געווען די מסדרי קדושין. — און נאכדעם ווי חתן האט מקדש געווען די כלה. כדת משה וישראל, איז דער נגיד
צוגעגאנגען צו דער כלה, ארונטערגענומען פון איר דעם שלייער אלע פארזאמעלטע זיינען ערשטוינט געווארען
צו זען אז די כלה איז גאר ניט נגיד׳ס טאכטער. דער חתן איז געווארען בלייך, אויסגערופען ניט מיט זיין
קול : די ביזט גאר רבקה׳לע. ! ווי אזוי איז דאס געשען, דער נגיד האט זיך געווענדעט צו די רבנים, און
צו אלע געסט, און געזאגט, אז דאס די אמת׳ע כלה. אין ער האט מיט אַ שמייכעל אויף די ליפען דערציילט
די גאנצע געשיכטע, ווי אזוי דער בחור און די מיידעל זיינען געווען פארלאבט, בלויז אריטקייט האט געוואלט
צעשטערען זייער גליק. אמת, איך און מיין טאכטער האבען דעם יונגערמאן אויך שטארק ליב באקומען
אבער מיר האבען באשלאסען, אז מיר האבען קיין רעכט ניט אויף דעם. — דער חתן באלאנגט צו זיין
פריערדיגער כלה. אין וואס אנבעלאנגט צום נדן, וועל איך מיין ווארט האלטען. די אלע קליידער, אין חתונה
מתנות. און די צען-טויזענט גאלדענע דוקאטען. וואס איך האב צוגעזאגט מיין טאכטער, נדן. וועל איך דאס
אפגעבען אַ פרעזענט דעם נייעם פאר פאלק, כדי דער יונגערמאן זאל ניט דארפען, חרטה האבען און דענקען,
אז איך האב אים געטאן אַן עולה. — און פאר מיין טאכטער וועט גאט צושיקען אַן אנדער חתן. אַ ריכטיגען
זיווג. — אין איצט זייט אלע פריילעך. און זייט משמח חתן כלה ! — מזל טוב ! מלז ! טוב !
רש״י האט זיך שוין מער ניט געקענט קאנטראלירען. ער איז געפאלען דעם נגיד אויפ׳ן האלז, אים געקישט
און מיט פריידיגע טרערן אין די אויגען, האט ער אויסגערופען: — טייערער חבר. ר׳ אברהם בן גרשון.
איצט זע איך דיין גרויסקייט, יא. די ביזט ווערט צו טיילען מיט מיר דעם גן-עדן. עס פרייט מיר צו האבען
אזא טייערען שכן אויף יענער וועלט, און רש״י האט אים דערציילט וועגען דעם חלום. און וועגען דעם ציל פון
פון זיין רייזע קיין טאלידע, דער נגיד איז געווען איבערגליקליך צו הערען אזא טייערע בשורה, ער צוגעטיילט —
ער האט צוגעטיילט צו רש״י גרויס כבוד און אים געגעבען אַ גרויסע סומע געלט פאר זיין ישיבה, אין פראנקרייך
און אין עטליכע יאהר שפעטער איז געשען אַ מערקווירדיגע זאך, פונקט אין דערזעלבער צייט, ווען רש״י איז
געשטארבען. איז אויך דער נגיד ר׳ אברהם געשטארבען, און אַ בת קול האט אויסגערופען, מאכט אַ ווארע
פאר די צוויי צדיקים זיי גייען גלייך אין גן-עדן ....

# רש״ים וואונדערליכע לעבענס געשיכטע

ווען דער גרויסער גאון און צדיק האט דערפילט, אז ער ווערט אלט, און זיין לעבען איף דער וועלט וועט זיך באלד ענדיגען, האט זיך אים שטארק געוואלט וויסען ווער עס וועט זיין. זיין שכן אין גן עדן אויף יענער וועלט. אמת, אז רש״י איז געווען א גרויסער עניו, דאך איז ער געווען זיכער, אז גלייך נאך זיין טויט וועט מען זיין נשמה ברענגען אין גן־עדן, ער האט געוויסט, אז עס איז אנגעגרייט פאר־אים א חשוב ארט. ער וועט באקומען שכר פאר זיין תורה לערנען, פאר זיין מסורות נפש פאר אידען און אידישקייט, אויף דער וועלט האט ער דאך ווייניג הנאה געהאט. וועט מען, עס מסתמא אפצאלען אויף יענער וועלט. דאריבער איז ער געווען נייגעריג צו וויסען ווער עס וועט זיין זיין שכן אין גן עדן. — רש״י האט זיך געהייליגט, געפאסט און פיל תפילה געטאן מ׳זאל עם פון הימעל אנטפלעקען דעם נאמען פון זיין שכן אין גן־עדן. אין זיינע תפלות זיינען אנגענומען געווארען. אין א געוויסער נאכט האט מען אים אין חלום מגלה געווען, אז זיין גן־עדן חבר איז א געוויסער אברהם בן גרשום, פון טאלידע שפאניע. —

רש״י איז ערשטוינט געווארען צו הערען, אז זיין חבר אין גן־עדן איז ניט קיין בארימטער גאון, ווייל אזא נאמען איז אים געווען אומבאקאנט. דעריבער איז ער געווען נייגעריג צו באקענען זיך מיט אים. ער איז געווען זיכער. אז ער מוז זיין א גרויסער תלמיד־חכם. און ער האט פאר דעם צוועק אונטערגענומען די לאנגע רייזע פון טאלידע קיין שפאניע. — ווען רש״י איז אנגעקומען אין טאלידע, איז ער גלייך אוועק, אין די בתי מדרשים זיך נאכפרעגען איף א תלמיד חכם, אדער א רב מיט מיט׳ן נאמען. אברהם בן גרשון, אבער קיינער האט. א תלמיד חכם מיט אזא נאמען ניט געקענט; האט ער זיך אנגעהויבען נאכפרעגען אויב עס געפינט זיך א פשוט׳ער איד מיט דעם נאמען; האט מען אים געענטפערט, אז עס איז דא א איד. וואס הייסט אברהם בן גרשום וועלכער איז א גרויסער עושר, אבער צום באדוירען איז ער א קנאפער איד. ער קומט זעהר זעלטען, אין שוהל, און עס איז א סברא, אז ער פירט ניט קיין כשר׳ה הויז ווייל ער מאכט אפט סעודות פאר די גוי׳אישע אריסטאקראטען און רעגירונגס באאמטע. רש״י איז געווארען זעהר טרויעריג דערהערענדיג וואס פאר א מענש זיין צוקונפטיגער שכן אין גן־עדן איז, ער האט שוין געוואלט צוריקפארען א היים, אבער ער האט זיך באטראכט, אז עס וועט זיין בעסער זיך יא צו באקענען מיט אים אפשר וועט ער קענען אים אויסבעסערען. — ווען רש״י איז צוגעקומען צום הויז פון אברהם בן גרשון איז ער איבעראשט געווארען. ער האט פאר זיך דערזען א גרויסארטיגען פאלעץ מיט טייערע מארמארנע זאלען, און וועלכע עס וואוינען בלויז גוי׳אישע הויכע לייט, מיט אן אראפגעלאזטען קאפ איז־ רש״י אריין אינווייניג, א באדינער אין א געפוצטען מונדיר, האט אים אריינגעפירט אין א פראכטפולען צימער. און איז געגאנגען מעלדען דעם־בעל בית — דאס א פראנצויזישער רב וויל עם זען וועגען א זעהר וויכטיגע זאך. — עס איז אריינגעקומען א שיינער מאן. מיט א גרויסע בארד. און פריינטליך האט ער אויסגעשטרעקט די האנט. און מיט פרייד אויסגערופען — ברוך הבא, רבי! לויט ווי איך פארשטיי האב איך דעם כבוד צו האבען ביי מיר אין הויז דעם בארימטען גאון ר׳ שלמה יצחק פון (טרוא.) אין פונקט אין דער ריכטיגער צייט. מארגען אוונט וועט דא ביי מיר אין פאלאץ פארקומען די חתונה פון מיין איינציגער טאכטער בעט איך, איך, רבי. פארשאפט מיר דעם גרויסען גליק איך צו האבען אלעס גאסט צו דער חתונה. רש״י האט געוואלט גלייך אפזאגען דעם נגיד׳ס פארלאנג און אים דערקלערען, אז ער וויל דא ביי אים גאר ניט טועם זיין ווייל ער האט געהערט, אז ער פירט ניט קיין כשר׳ע הויז, אבער ער האט ניט געהאט קיין הארץ אים אזוי שארף צו ענטפערען. — ערב זיין גרויסע שמחה. האט רש״י אנגעהויבען אים אויספרעגען וועגען חתן, וואס ער האט אויסגעקליבען פאר זיין איינציגער טאכטער? אויב ער איז אויך אזא רייכער און צו ער פירט זיך אזוי ווי ער. — דער נגיד האט אים געענטפערט, אז דער חתן איז זעהר אן ארימער, און ער שטאמט פון זעהר פשוט׳ע עלטערן, אבער ער איז א הויך־געבילדעטער יונגערמאן און א גרויסער קענער אין תורה. און ער און זיין טאכטער ליבען אים און שעצען אים זעהר הויך, דערהערענדיג אזעלכע ווערטער, האט רש״י אפעהג געטאן, אויב ער פארשטייט שוין יאדי ריכטיגע ווערט פון א מענשען, טא פארוואס, פירט ער זיך אליין ניט אביסעל בעסער ווארים דאוונט ער ניט, ווארים לערנט ער ניט? — דער באדינער איז צוגעקומען און געמלדען, אז אן ארימע פרוי וויל זען דעם הער פון הויז; — רש״י איז נייגעריג געווארען צו זען ווי דער נגיד פירט זיך אויף געגען ארימע און עלענדע, איז ער דעריבער צוגעגאנגען צום קארידאר, וואס פירט צום פאדער־צימער. זיך איינצוהערען ווי ער האנדעלט מיט א ארימע, דער נגיד האט זעהר פריינטליך אויפגענומען די ארימע פרוי, ער האט זי געבעטען זיצען און העפליך איר געפרעגט וואס זי פארלאנגט. — די פרוי האט אויסגעבראכען א געוויין, און דערציילט, אז זי איז אן ארימע אלמנה, זי האט פיר קינדער, איר עלטסטע טאכטער איז געווען פארלאבט צו זעהר א פיינעם און געבילדעטען בחור, וועלכער האט געזאלט זיין

# די רשעים פון סדום עמורה

פיער ריכטער זיינען געווען אין סדום. איינער האט געהייסען ליגנער, דער
צווייטער האט געהייסען שווינדלער, דער דריטער פעלשער, דער פערטער כאאבבניק.
אליעזר דער קנעכט פון אברהם איז איינמאל געקומען אין סדום. האט מען איהם
דארט געמאכט א וואנד. ווען ער איז געקומען צו א ריכטער, זיך צו בעקלאגען, האט
האט דער ריכטער גע'פסק'נט, אז אליעזר זאל בעצאהלען זיין אנגרייפער פאר בלוט
לאזען. נעמט אליעזר און גיט דעם ריכטער א זעץ דאס ער האט זיך געוואשען
מיט בלוט. וואס איז דאס? האט דער ריכטער געפרעגט. דאס וואס מיר קומט
יעצט ארויס פון דיר, האט ר' אליעזר געענטפערט בעצאהל דעם וואס האט מיר
געשלאגען און מיין געלד בלייבט ביי מיר.

און סדום האט זיך געפונען א מיידעל איז זי געווען גאנץ אנדערש
ווי איהרע שטאדט לייט. איינמאל האט זי רחמנות בעקומען אויף אן ארי=
=מאן וועלכער איז אויסגעגאנגען פאר הונגער, אבער אזוי ווי זי האט מורא געהאט
איהם צו געבען עסען, איז איהר איינגעפאלען א קליגער איינפאל ווען זי איז
געגאנגען נאך וואסער, האט זי אין איהר עמער מיטגענומען א שטיקעל ברויט,
און ווען זי איז פערביי געגאנגען דעם ארימאן האט זי איהם דאס ברויט געגעבען.
עטליכע מאל האט זי דאס געטהאן, ביז די זאך האט דערוואוסט, די רשעים
פון סדום פאר דער מיידעל אויסגעטראכט א שרעקליכע שטראף, זיי האבען
איהר אין גאנצען אויסגעשמירט אין האניג, און האבען די אויפגעהאנגען אויף א בוים,
בינען זיינען געקומען און האבען די אונגליקליכע מיידעל צעביסען אויף טויט

זה ספר הישר סנהדרין קח

# פרום. אבער צו שטרענג

רבי יוסי פון דער שטאדט יוקרת, איז געווען
זעהר פרום. אבער אַ צו שטרענגער מענש. ער
האט אויף זיינע אייגענע קינדער קיין רחמנות
געהאט. איין טאג האט ר' יוסי געדונגען ארבייט=
ער, צו אַרבייטען ביי איהם אין פעלד. האט ער זיך
פערשפעטיגט צו ברייגען זיי עסען. האבען
די ארבייטער געזאגט צו זיין זוהן. „דיא מיר
זיינען הונגעריג.” איז דארט דערביי, געש=
טאנען אַ פייגענבוים. וועלכער האט געהאלטען
אין בליהען. האט דער זוהן פון ר' יוסי געזאגט
צום בוים: פייגענבוים! די פייגענבוים! גיב
ארויס דיינע פירות און זאלען מיין פאטער'ס
ארבייטער האבען וואס צו עסען! האט דער בוים
ארויסגעגעבען פייגען און די ארבייטער האב=
ען זיך זאט אנגעגעסען. שפעטער איז אנגעקו=
מען ר' יוסי, האט ער געזאגט צו די ארבייט=
טער: האט קיין פעראיבעל ניט וואס איך האב זיך
פערזאמט מיט'ן עסען. ווייל איך בין געווען פער=
נומען מיט אַ מצוה זאך. האבען די ארבייטער גע=
נטפערט, זאלסטו זיין אזוי זאט, ווי דיין זוהן האט אונז
שוין זאט געמאכט. האט ער געפרעגט ווי אזוי איז דאס
געשעהן, האט מען איהם דערצעהלט די מעשה
מיט'ן פייגענבוים. איז ר' יוסי שטארק בייז געווארען
און ער האט געזאגט צו זיין זוהן: דערפאר וואס דו
האסט בעמיהט דיין בעשעפער. אז ער זאל
מאכען דעם פייגענבוים ארויסגעבען דיינע פירות פאר
דער צייט. זאלסטו שטארבען פאר דער צייט,

א. צווייטען מאל האט זיך געמאכט אזא געשיכטע:
ר' יוסי האט געהאט אַ טאכטער אַ. דעלטענע שיינהייט,
איינמאל האט ער געזעהן ווי אַ פרעמדער מאן מאכט אַ לאך
אין דעם פארקען וואס האט ארומגעצאמט די הויז. און
קוקט אויף דיין טאכטער. האט ר' יוסי געפרעגט דעם בחור:
וואס טהוסטו?” האט יענער געענטפערט: אויב איך
האב ניט דעם גליק די צו נעהמען זי פאר אַ פרוי. קען איך
צום ווענינגסטען ניט האבען דעם ~~צו קוק' אויף איהר~~
גליק צו קוקען אויף איהר. „האט ר' יוסי געזאגט צו
דיין טאכטער: מיין טאכטר! איך זעה אז מענשען
ליידען צוליעב דיין שעהנהייט, בעסער זאלסטו
שוין שטארבען, איידער מענשען זאלען צוליעב
דיר קומען צו זינדיגע געדאנקען. און די טאכטער
איז געשטארבען,

די שטרענגקייט פון ר' יוסי האט געפיהרט
צו דעם. אז זיין תלמיד ר' יוסי בר אבין, איז
אוועק פון איהם. זאגענדיג, וואס קען איך
ערווארטען פון אַ מענשען, וואס האט קיין
רחמנות אויף זיינע אייגענע זוהן און טאכטער.„

תענית כ"ד'

יחזקאל ב' יצחק וולף לעווינסאן

# בן כוזבא דער העלד פון ביתר

נאך דעם חורבן בית שני, ווען עס איז אויפגשטאנען
דער העלדישער בן כוזבא, אדער ווי אנדערע פלעגן איהם
רופען ברכוכבא, און ער האט געוואלט בעפרייען די אידען
פון די רוימער, זיינען די חכמים געווען צוטהיילט אין צוויי
פארטייען. איין פארטיי האט אין דעם העלד געגלויבט, און די
אנדערע האט ניט געגלויבט. ווען דעם קאמפף פון דער
גרויסער אידישער פעסטוניג פון שטאדט ביתר,
דערצעהלט ר׳ יוחנן אזוי. אכציג טויזענד פאאר טרא=
=מפעטען בלאזער האבען ארומגערינגעלט ביתר און
יעדער פון די טראמפעטען בלאזער האט אונטער אונטער
זיך געהאט אייניגע פאלקען סאלדאטען וועלכע פלעגען
זיך צוזאמענקומען אויף זיין בלאזען. בן כוזבא האט די
שטאדט פערטיידיגט מיט צוויי הונדערט טויזענט סאל=
=דאטען. יעדער אידישער העלד וואס האט זיך געוואלט
אנשליסען צו בן כוזבא׳ס ארמעע, האט געמוזט דורכגע=
=הן א־שווערע פּרוּבע, נעמליך: ער פלעגט אליין מוזען מיט
זיינע ציינער זיך אבבייסען די פינגער אום צו צייגען זיין
העלדענמוטה. האבען די אידישע חכמים געשיקט שלוחים
צו בן כוזבא און איהם געפרעגט: ביז וואנען וועסטו נאך אנגעהן
מיט דיין ארבייט צו מאכען אידען פאר קאליקעס? האט
בן כוזבא צוריק געפרעגט טא ווי אזוי זאל איך זיי אויספרו=
=בירען? האבען די אידישע חכמים געענטפערט. די
טוהו אזוי: דער וואס קען ניט ארויסרייסען אַ בוים
פון לבנון בעת ער לויפט פערביי דעם בוים, רייטענדיג
אויף אַ פערד. דעם זאלסטו און דיין ארמעע ניט אנעהמען
בן כוזבא האט נאכדעם איינגעפיהרט די נייע פראבע
האט ער געהאט יענע צוויי הונדערט טויזענד, און אויך
צוויי הונדערט פון די וואס זיינען דורכגעגאנגען די נייע
פראבע. יעדען מאל ווען די אידישע קעמפפער פלעג=
=ען ארויסגעהן אין אַ שלאכט פלעגען זיי זאגען די תפילה.
רבונו של עולם! אזוי ווי דו האסט אונז פערלאזען און די
געהסט מעהר ניט מיט אונזער ארמעע, בעטען מיר דיך
שטיץ אונז ניט, אבער שטראפען זאלסטו אונז אויך ניט, לאז
אלעס צום צופאל.

שמואל ב׳ אהרן חאלפן

מען הולעט. און מען זינגט,
מען דרעהט זיך, און מען שפרינגט,
און אויסגעפוצטע חברה מחותונים,
מיט זיי אויך דאס פרעהליכע פנים,
אויף מארגען נאכ'ן טאנץ?
פארשווינדען ווערט דער גלאנץ,



והיה לעור ע״כ גבבי שוק טולפומיץ

[illegible]

BLANK

PAGES

# מוזיק ביי אידען אין די צייטען פון תנ"ך און תלמוד גשריבען פון הערמאן

ווען די בני ישראל זיינען ארויס פון מצרים
„ברכוש גדול" האבען זיי ווייזט אויס, ניט פארגעסען, מיט=
צוגענומען מיט זיך מוזיקאלישע אינסטרומענטען און אויך די
כללים פון פרעה'ן. מוזיק סיסטעם. ווארים שוין גלייך ביי דער
ערשטער פייערונג פון דעם נצחון איבער פרעה'ן, איז געקו=
מען א געזאנג פון מענער, און דערנאך, פון פרויען, וועלכע
האבען צוגעקלאפט אויף פייקלאך. די דאזיגע שילדערונג
פון חומש, שטימט פולשטענדיג מיט דעם, וועגען וואס
אזעליכע פראצעסיעס אין דעם לאנד פון פרעה'ס.
אויך דארטען פלעגען פרויען ארויסגעהן מיט געזאנג און
טענץ ביי פערשידענע פייערלוכא צייטען. — ווייטער הערען
מיר בלויז, פון א סיגנאל — דער שופר וואס איז אונז גוט
באקאנט. און די חצוצרת. געמאכט פון געהאמערטען זילבער
(כסף מקשה), דאס זענען געווען די אינסטרומענטען. אין
וועליכע ס'האבען זיך גענויטיגט די קריג-פיהרענדיגע שבטים
— דער אידעלער כנור, וועלכער איז געווען באוואוסט דעם פאלק
און דער שופר, און די חצוצרת זענען געווען דירעקט פארב=
=ונדען מיט'ן רעליגיעזען צערמאניס ביז היינטיגען טאג. —
שוין פון די פריסטע צייטען אן האט דער דאזיגער סיגנאל
(אסיין) אינסטרומענט באקומען גרויסע חשיבות ביי אידען,
ביידי כנענים, האבען די עלסטע, פון לאנד. געפונען
א חי„ געלעבט" זייער גאט דער (בעל) האט ניט
ניט געהאלטען. פון דער „דממה דקה" ארום איהם איז אלע
מאהל געווען א שטארק בגילופינדיגע אטמאספערע,
מיט רעש. און מיט טימעל, אין ביז בלוט האט עס געמוזט
געמוזט געהן. ווי מיר ווייסען דאס פון תנ"ך: אין די האבען
גערופען אויף א הויכען קול, און האבען זיך איינגעשניטען, אזוי
ווי זייער שטייגער. מיט שווערדען און מיט שפיזען, ביז בלוט
האט זיך געגאסען פון זיי, אט אזוי האבען עס די נביאי הבעל
גרופען צו־הילף זייער גאט, ווען אליהו האט זיי אויפגעפא=
=דערט צו אן אנטשיידיג קאמף. בכדי איין מאל פאר אלע מאל
צו באשטימען וועמענ'ס גאט איז גאט:... און עס איז געווען
אין מיטען טאג, האט אליהו געשפעט פון זיי, און ער האט
געזוגט, רופט אויף א הויך קול. ווארים ער איז א גאט: ער
האט זיך מסתמא פאררעדט, אדער ער איז אין וועג, — !
אפשר שלאפט ער, אין ער וועט אויפכאפען (במלכים) יח'
אבער דער דאזיגער קאמף האט זיך פארענדיגט מיט'ן נס
וואס אליהו האט דארטען באווזען, — אין אזוי האבען עס
די נביאי הבעל גערופען צו הילף זייער גאט, — ווען
אליהו האט זיי אויפגעפאדערט צו באשטימען איין
אנטשיידענדיגען קאמף, כדי איין מאהל, פאר אלע
מאהל, צו באשטימען וועמענס גאט, איז א גאט,
אין ביי די אידען איז געווען א גרויסער נס, אין די נביאי הבעל
האבען געהאט א גרויסע מפלה

ווין ישמח לבב אנוש" די אידען פון יענער צייט, מיט גרויסע
צערמאניעס, מיט געזאנג, אין מוזיק אין טענץ, פלעגט געמאכט
ווערען, דער יום טוב פון די וויינטרויבען," ווי מיר געפינען דאס
אין שופטים ט'), „ויצאו השדה ויבצרו את כרמיהם וידרכו
ויעשו חלולים" און מען פלעגט זינגען אזעלכע געזאנגען ווי הידד
הדרכים" ירמיהו כ"ה — כנור ונבל תוף וחלול דאס זענען געווען די
פאר וויכטיגסטע מוזיקאלישע אינסטרומענטען וועלכע זענען
באניצט געווארען, סיי פאר אמוזירונג, און סיי צו באגלייטען די
תפילות צו גאט אין בית המקדש, — אבער ניט בלויז אין פרייד
אליין, האט מען געדינגען אין געשפילט, — נאר אויך אין טרויער
האט מען צו הילף גערופען די מוזיק. צו געבען אויסדרוקדעם
שווערען געמיט, — ביי די לויות פלעגען די מקוננות זינגען
אין מען פלעגט אויף שפילען אויף די חלילים, (פלייטען)
איז ביי איינעם געשטארבען, זיין פרוי, האט ער געמוזט
זיין אפילו דער ארימסטער, איז עס געווען אויף איהם א חיוב
צו דינגען ווייניגסטען צוויי מקוננות, אין איין חליל שפילער,
אפילו עני שבישראל לא יפחות משני חלילין, ומקוננות. (כתובות) מו

# דער שופר פון ראש השנה

אין ספר תהלים, ווערד געזאגט: תקעו בחודש שופר בכסה
ליום חגנו. כי חק לישראל הוא משפט לאלהי יעקב. – דאס מיינט
בלאזט דעם שופר, אויפ׳ן נייען חודש. אין דעם באשטימטען
טאג לכבוד אונזער יום־טוב, ווייל דאס איז אגזעץ ביי אידיש=
=ען פאלק, אים ראש־השנה איז די צייט, ווען עס דערוועקט זיך
אויבען אין הימעל דער־מדת־הדין. אפיי׳ן פאלק ישראל,
פאדעקט, דאן די לבנה. איהר ליכט, די זאל נישט לייכטען
איבער דער וועלט, אין אזוי ווי עס איז דאס מאל נישט פארה=
=אנען, דאס ליכט פון דער לבנה, ווערד די גאנצע וועלט, – סיי
די אונטערשטע אויף דער ערד, און סיי די אויבערשטע
אויפ׳ן הימעל, אנגעפילט מיט דין, קומען אבער די
אידען מיט זייערע תפלות. און זייערע ברכות. ווירקען זיי
מיט דעם פאר דער אויסבערינג פון יענעם ליכט. – קריגט דער
אויבערשטער רחמנות אויף זיינע באשעפענישען,
האט דער אויבערשטער, אַ עצה פאר די אידען,
„תקעו בחודש שופר" בלאזט דעם שופר, וועט
איהר צוטומלען דעם קטיגור, ער זאל נישט
קענען מקטרג זיין בלאזט דעם שופר, וועט איהר
צופרעכען די הארטע דעק, וואס די לבנה איז
מיט איהר היינט צוגעדעקט. און זי וועט לאזען קו
לייכטען אַ ליכט אויבען, דער אויבערשטער זאל
זעהען, ~~אז~~ אייער תשובה און עס די זאל דיגען דער
„מדת הרחמים" זיינער איבער׳ן „מדת הדין" –
און פאר וואס איז די לבנה אים ראש־השנה פארדע=
=קט ? ווייל ווען עס קומט ראש־השנה, קומט דער
שטן פאדערן ביי גאט, ער זאל משפט׳ן די אידען,
לויט ווי עס קומט זיי, ווייל איהם דער אויבערשטער נט
גלויבען, וואס ער דערצעהלט, זאגט ער, אז ער וועט
ברענגען עדות פאר זיינע באשולדיגונגען, ברענגט ער
מיט זיך די זון. וועלכע זעהט ווי אידען זינדיגען
בייטאג, און ווען עס איז נישט גענוג דאס עדות –
זאגען פון דער זון, געהט ער ברענגען די לבנה,
וועלכע זעהט ווי אידען זינדיגען ביינאכט, באהאלט
זיך די לבנה, דער שטן זאל די נישט געפינען, אין
זי געהט ארויף אויבען און זי ~~ד~~ באהאלט זיך ~~א~~
הינטער׳ן : רוקען פון דער שכינה, פארשטעהען
דערפון די אידען, דיי זאלען צוגרייטען תפלות,
דעם אויבערשטען מפייס צו זיין פאר זייערע
עבירות, ווייל תפלות זיינען ביים אויבערשטען
חשוב׳ר ווי מצוות – און אזוי ווי מיר גרייטען
דאס צו לכבוד ראש־השנה, פארשטעהען מיר
אויך, מיר זאלען אַ בלאז טהון אינ׳ם שופר,
ווייל מיטען שופר וועט דער אויבערשטער

צונויפנעהמען אלע אידען, ארויסצופיהרען זיי פונ׳ם גלות,
פון אלע פיער עקען פון דער וועלט, ווי מיר זאגען אינ׳ם דאווענ
„תקע בשופר גדול לחרותנו ושא נס לקבץ גליותינו"
דערנקט דער מקטרג, אז אנשטאט וואס ער האט געוואלט
ארויסבאקומען אַ הארבען דין אויף די אידען, איז פלוצלונג
געקומען, דיין יום־הדין, דערשרעקט ער זיך און ער אנטלויפט, –
אין ווען עס הערט זיך דער קול פונ׳ם שופר – האט ער
שמען געזאגט – און די מענשען טהוען תשובה אויף
זייערע זינד, דערוועקט זיך די „מדת־הרחמים" און זי
פארשטארקט זיך איבער דער „מדת־הדין" ביז די
„מדת־הדין" ווערד אין גאנצען אפגעשוואכט, –
מיט די דאזיגע קולות פון שופר גיבען די אידען כח
צו דער „מדת הרחמים", דארף מען דערפאר בלאזען
שופר אונטען אויף דער ערד, און מכוון זיין ביי די
קולות, אז מיט׳ן כח פונ׳ם ערדישען שופר זאל זיך
אויבען אויפ׳ן הימעל דערוועקען דאס גרויסע רחמנות,
אויפ׳ן פאלק ישראל; – דער נביא עמוס זאגט: –
„אם יתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו," דאס איז
וועגען ראש־השנה, אז דער בלאז פונ׳ם שופר איז
אַן אנזאג, וועגען דעם געפאהר, וואס לאקערט אויף די
מענשען, ווייל דער אויבערשטער עפענט דעמאלט
די ספרים, וואו עס זיינען פארשריבען די מענשען
און זייערע מעשים, ערווארטעט דאן איטליכער
זיין אורטייל, און ווען די מענשען ווערען פארצ=
=יטערט, און עס ווערד צוברעכען זייער הארץ
פון חרטה, איז זיי דער אויבערשטער מוחל די
עבירות און עס ענדיגט זיך פאר זיי דער יום־הדין אהן
יעדער שטראף. דער אויבערשטער וויל איבערהויפט
גערן געבען דאס לעבען צו די מענשען, ווייל נור
לעבעדיגע מענשען קענען איהם אפגעבען אַ לויב
און באוואונדערען זיין גרויסקייט, ווי דער פסוק זאגט.

**לא המתים יהללו יה ולא כל יורדי דומה** ×

נעשה ע׳ יחיאל הערמאן

## „לקונה עבדיו בדין"

וואס מיר זאגען אין דער תפלה „לאל עורך דין":

„לקונה עבדיו בדין לרחם עמו ביום דין"
האט דער אסטראווער רבי ז״ל ר' מאיר יחיאל.
אויף פאלגענדען אופ'ן אויסגעטייטשט: ס'איז אן איז א
כלל אין דער גמרא, אז „כל הקונה עבד עברי כקונה
אדון לעצמו" (קדושין דף כ') ווייל קוים האט זיך
איינעם פארגלוסט, צו קויפען א עבד עברי, איז
ער מחויב, צו פארזארגען איהם מיט אלעמען,
מקיים צו זיין דעם פסוק „כי טוב לו עמך". דער
באלעבאס טאר נישט עסען ברויט פון דינעם מעהל,
ווען ער גיט דעם עבד גראב מעהל: דער באלעבאס
טאר נישט טרינקען אלטען וויין, ווען ער גיט דעם
עבד נייעם וויין, דער באלעבאס טאר ניט ליגען
אויף פאכענע פעדערען: ווען ער לייגט דעם עבד
שטרוי, און תוספות ברענגט דארט אויפ'ן נאמען פין
ירושלמי, אז ווען דער באלעבאס פארמאגט אפילו ניט
מעהר ווי איין קישען צו קאפענס, מוז ער עס אוועק-
געבען צום עבד; — טענה'ן מיר דערפאר צום
רבונו-של-עולם, „לקונה עבדיו" קוים האסטו אונז
געקויפט אלע „עבדים", ווי די האסט אמאל
ערקלערט „כי עבדי הם", אז אידען זיינען דיינע
עבדים, איז „בדין" מוזטו זיך אקעגען אונז פיהרען
לויט'ן דין, דהיינו: „לרחם עמו", צו האבען אויף
אונז רחמנות, ווי דער דין איז, אונז צו פארזארגען
מיט אלע אונזערע הצטרכות'ן.

## לכבוד ראש-השנה

וואס דער פסוק זאגט: „אם יום או יומים יעמוד,
לא יוקם כי כספו הוא" (שמות כ״א), האט א רב
אויסגעטייטשט, אז דאס גערעט אויף די ספעציעלע
ימים-נוראים'דיגע שוהל-אידען, און ער האט
געזאגט „אם יום או יומים יעמוד", ווען אזא מין איד
שטעט אין שוהל בלויז אינ'ם טאג פון יום-כפור,
אדער אויך אין די צוויי טעג ראש-השנה, „לא יוקם",
וועט דאס אידישקייט ביי איהם ניט קיין קיום האבען,
„כי כספו הוא", ווייל אזא שטייגער איד קומט אין
שוהל אריין בלויז צו בעטען אויף געלד — און יעדע
אנדערע זאך גערעט איהם גאר נישט אן.

צוקומענדיג צום פסוק „יוסיף דעת יוסיף מכאוב", פלעגט ר'
מענדעלע קאצקער זאגען: „זאל אפילו וועה טהון,
אבי עס זאל זיין מעהר דעת!"

## באין מליץ יושר מול מגיד

וואס מיר זאגען אין אונזער תפלה: באין מליץ
יושר מול מגיד פשע תגיד ליעקב דבר חק ומשפט"
האט דער רבי ר' בינם פשיסכער אויסגעטייטשט, אז דאס
מיינט: אויב עס געפונט זיך ניט קיינער, וואס זאל אויף אונז
ממליץ זיין, נור אלע זיינען מקטרג און שרייען „חייב" — דאן „תגיד
ליעקב דבר חק ומשפט" — מיד זיך דערמאנט דער רבונו של עולם
מיט אונז באגעהען לויט'ן דין פון דער גמרא, אז סנהדרין
שראו כולם לחובה, פוטרין אותו" (סנהדרין י״ז)
דער פאר בעטען מיר, „וצדקנו במשפט" ווייל ווען מיר
האבען ניט גאר קיין מצוות וואס זאלען אונז גערעכט
מאכען ביי משפט, קומט אויף אזא אופ'ן על פי דין,
מיר זאלען ארויס געהן פונ'ם משפט אין גאנצען ריין אין גערעכט.

## א חסיד און חכם

א רייכער מאן, אבער א גרויסער קמצן, איז א
גאנצען יאהר ניט געגאנגען צום רבי'ן, כדי ער זאל ניט
דארפען געבען דעם רבי'ן א „פדיון". איינמאל
אין א ערב יום-כפור איז ער געקומען צום רבי'ן
נאך א ברכה, אז ער זאל איהם בענשען. אבער,
כדי אויסצומיידען אז ער זאל ניט דארפען געבען
קיין „פדיון", איז ער צום רבי'ן געקומען שפעט
פארנאכט, ווען דער רבי איז שוין געווען אנגעטאן
אין קיטעל און טלית צו געהן אין שוהל. און דער
גביר, דער קמצן האט געזאגט, — רבי! איך בין
געקומען, אז איהר זאלט מיר געבען אייער ברכה
— פאר א ברכה געבען וויל איך 18 גילדען האט
דער רבי צו איהם געזאגט — סטייטש, רבי!
האט זיך דער חסיד געוואונדערט — איצט
ווילט איהר געלט? עס איז דאך שוין אזוי שפעט.
אטבאלד זאגט מען שוין — כל-נדרי. — א גאנץ
יאהר בידטו געווען דער „חכם" און איך דער חסיד.
און יעצט אז די ביזט געווארען דער „חסיד"
בין איך געווארען א „חכם"

# דער שכר פון א מצוה

די דאזיגע געשיכטע האב איך געזעהען
אין אַ ספר. — ר׳ שמואל אידליש, המכונה,
מהרש״א ז״ל האט זיך געשטעלט בויען אַ
א נייע שוהל. מיט א תלמוד תורה. און האט באד=
ארפט לייגען דעם ווינקעלשטיין. אלע אידען
פון שטאדט זיינען געקומען צו דער שמחה, מען
האט פארקויפט ציגעל צום בויען דעם הייליגען
בנין. אויך אין אנ געהויבען צו פאראנדלען דעם
כבוד פון לייגען דעם ווינקעלשטיין, אידען [illegible]
האבען אנגעפאנגען פון 5 ריבעל, צען ריבעל,
15, ר״ 20, 25 ריבעל, 50 ר׳ ביז מען האט ארייגעש=
טייגט אויף דער סומע פון 100. ריבעל, מיט אמאל
קומט צו דער שמש פון רבי׳ן און זאגט אז אַ
איד נסתר, וועלכער וויל ניט, אז מען זאל וויסען
זיין נאמען האט איהם געגעבען 500, ריבעל אויף דעם
שוהל בנין, און ער פארלאנגט אז דער מהרש״א
זאל האבען דעם כבוד צו לייגען דעם ווינקעלשטיין
פאר דעם בנין, דער עולם איז געוועזן פארווינדערט פון
דער געשיכטע, די האבען געוואלט קענען דעם נדבן
וואס האט געשענקט די געלט, אבער דער מאן איז געב=
ליבען אַ נסתר, ווען דער בנין איז פארטיג געווארען
און מען האט געפראוועט אַ חנוכת הבית, האט
מען געמאכט אַ גרויסע שמחה, און אלע אידען פון
שטאדט זייען געקומען נעמען אנטייל אין דער שמחה
של מצוה, מען האט אנגעפאנגען פארקויפען דעם של=
ילסעל צום עפענען די שוהל. מען האט ווידער ~~[illegible]~~
אנגעהויבען צו שטייגען מיט זייערע נדבות וועגען דעם
כבוד אויפצועפענען די טיר פון שוהל, פלוצלונג איז צוג=
עקומען, דער שמש צום רבי׳ן און האט געזאגט, אז
דער זעלבער מאן, וועלכער האט איהם געגעבען
די 500 רובעל ביים לייגען דעם ווינקעלשטיין
האט איהם ווידער געגעבען, 500 רובעל, און וויל
ניט מען זאל וויסען זיין נאמען, נאר ער פארלאנגט, אז
דער ר״ב דער מהרש״א, זאל האבען דעם כבוד
און עפענען מיט דעם שליסעל די טיר פון שוהל,
דער עולם איז ווידער געווען נייגעריג צו וויסען, ווער איז
דער מאן, וואס האט זיך געלאזט קאסטען שוין
1,000 ריבעל פאר די שוהל. — אין יענע יארען איז דאס
געווען אַ גרויסע סומע געלט — אבער אז דער איד
האט געוואלט בלייבען א נסתר, איז דאך ניט שייך,
ווען מען האט באדארפט אנצינדען דעם ״נר תמיד״
אין שוהל, האט מען ווידער אנגעהויבען, צו פארקויפען
ווער עס זאל אנצינדען דעם נר תמיד.

האבען די אידען נאך אמאל אנגעהויבען צו וועגען
דעם, — איז ווידער געקומען, דער משמש און געזאגט
דעם רבי׳ן, אז דער זעלבער מאן, האט איהם נאך
געגעבען 500 ריבעל. און ער פארלאנגט אז דער רבי
מהרש״א זאל אנצינדען דעם ״נר תמיד״. דער עולם
האט אנגעהויבען צו שטורמען און פאלאנגען פון שמש
אז ער זאל ארויסזאגען ווער איז דער נדבן, די האבען
גערעכענט, אז מסתמא איז ער גרויסער גביר און פאר
זיין גוטהארציגקייט, און זיין שטיצען די שוהל
אבער דער שמש האט די געענטפערט אז ער קען
ניט ארויסזאגען דעם נאמען. ווייל דער מאן האט
איהם בפירוש אנגעזאגט אז ער גיט דאס געלט אלעס
״מתן בסתר״, .... עס איז אוועק אַ שטיקעל צייט איז ארי=
נגעקומען צום מהרש״א אַ מיטעליאריגע פרוי אנגעטאן
אין ארימע קליידער, און זיך פארגעשטעלט פאר רבי׳ן
אלעס די פרוי פון דעם מאן וועלכער האט געשענקט
די 1,500 ריבעל אויף דער שוהל, — זי האט דערציילט,
אז איהר מאן איז ניט קיין נגיד בלויז אַ טרעגער
וואס ארבייט שווער צו מאכען אַ לעבען, קינדער
האבען זיי ניט, און דאס געלד האבען זיי אפגעשפארט
פון 20, יאהר שווערער פראצע, און דאס אוועקגעש=
ענקט, אויף דער שוהל, אבער אצינד די געקומען צום
רבי׳ן ער זאל זי בענשען מיט אַ בן זכר, — דער צדיק האט
איהר געגעבען אַ ברכה, און פינקט צום יאר איז ביי זיי
געבוירען געווארען אַ קינד, — דאס קינד איז געוואקסען, מען
עס געשיקט אין די חדרים. עס איז געווען אַ וואויל קינד.
געהאט אַ גוטען קאפ צום לערנען — דערווייל איז אריבער
צען יאר, דער טרעגער איז געשטארבען, און די איד
אלמנה איז געבליבען ארים, און זי האט ניט צו צאלען
שכר לימוד, פאר איהר קינד, איז די געגאנגען אין תלמוד ת׳
מען זאל ארייננעמען איהר קינד, האט פארלאנגט פון איהר
געלט וואס זי איז ניט געווען אימשטאנד צו צאלען,
איז די אוועק צום מהרש״א און זיך פארקלאגט אויף די
משגיחים פון תלמוד תורה, וועלכע פאדערען פאר איהר
קינד, וואס זי פארמאגט ניט צו צאלען, — דער מהרש״א
האט ניט דערקענט די פרוי, אבער ווען זי האט איהם
געזאגט, ווער זי איז, האט ער געהייסען דער מוטער זי
ברענגען איהר זוהן, און ער אליין וועט לערנען מיט איהם,
אזוי איז טאקע געווען דאס קינד איז ארויסגע=
וואקסען אַ גרויסער תלמיד חכם

# שלמה המלך [illegible]

די סנהדרין האבען געפרעגט, שלמה המלך ווי קומט דאס וואס ער זאגט, "אדם אחד מאלף מצאתי, — ואשה בכל אלה לא מצאתי".
— איך וועל אייך באווייזען אז איך האב רעכט — האט זיי שלמה געזאגט.
— געהט און זוכט אויס א פרוי, און א מאן וועלכע זאלען זיין פון די בעסטע, און פיינסטע מענשען, פון דער שטאט, האט מען געזוכט, און מען האט געפונען, — אזא מאן וואס האט געהאט א גוטע און פיינע פרוי, — שלמה המלך האט געהייסען אז מען זאל ברענגען די פאר איהם צוערשט האט מען געבראכט דעם מאן, האט שלמה צו איהם געזאגט:
— ווייסטו וואס איך וויל פון דיר? איך וויל דיך מאכען פאר מיין קאמער־האר, און דיר געבען מיין טאכטער פאר א פרוי, אבער מיט איין תנאי, דארפסט געהן אהיים, און הרג'ענען דיין איצטיגע פרוי, און מיר ברענגען איהר קאפ, — איך בין דיין גרייט דיר צו דינען, איך וועל טאן דיין ווילען, האט דער מאן געענטפערט, דער מאן איז אוועק מיט דעם באשלוס צו טאן אזוי ווי דער קעניג האט איהם געהייסען, זיין פרוי איז געווען א גרויסע שעהנהייט, און זי האט געהאט צוויי קליינע קינדער. — זיין הארץ האט איהם שטארק וועה געטאן אום צוברייגנען די מוטער פון זיינע קינדער, ער האט שטילערהייד געוויינט און געקלאגט, אז זיין פרוי האט געזעהן ווי ער איז פאראומערט האט זי איהם געפרעגט: — מיין מאן וואס ביזטא אזוי אומעטיק אין דערשלאגען, — לאז מיך צורוה — האט ער געבעטען — איך איך האב עפעס א זארג, וואס איך קען דיר ניט דערצעהלען: די פרוי האט איהם דערלאנגט עסען און טרינקען, אבער ער האט גאר ניט געוואלט נעהמען אין מויל, די פרוי האט גענומען די צוויי קינדער און געגאנגען שלאפען, ווי נאר די איז איינגעשלאפען האט ער ארויסגענומען א שווערד זי צו טויטען, אבער ווען ער האט דערזעהן ווי די קליינער קינד ליגט און שלאפט ביי איהר אין שויס, און דער עלטערער קינד שלאפט מיט זיין קעפעל, אויף דער מוטער'ס שולטער האט ער באלד חרטה באקומען — וואס טוה איך טאן? ווער וועט ערציען די צוויי קליינע קינדער? ער האט גלייך דעם שווערד צוריק אריינגעלייגט אין שייד, — און האט געזאגט — ווען דער קעניג זאל מיר אפילו אוועק געבען דיין פאלאץ, מיט זיין גאנצען פארמעגען וועל איך ניט טויטען אט די פרוי מיינע — אין דער פריה דיינען געקומען שלוחים פון קעניג אין האבען איהם, אוועקגעפיהרט אין פאלאץ. — נו האסטו געטאן דאס וואס איך האב דיך געהייסען — האט דער קעניג געפרעגט: — איך בעט דעם קעניק אז ער זאל אויף מיר, ניט בייז זיין, דערפאר — ...... האט דער מאן געענטפערט — איך האב דאס פראבירט צו טאן אבער מיין הארץ האט מיך ניט דערלאזען צו טויטען מיין פרוי, די מוטער פון מיינע צוויי קליינע קינדער, און שלמה האט געזאגט — אט האב איך געפונען, איינעם פון טויזענט א ריכטיגען מאן — אין א מאנאט שפעטער האט שלמה המלך געשיקט שלוחים, אין געהיים, צו דער פרוי פון יענעם מאן, און שלמה האט צו איהר געזאגט: — דיין מאן האט דיך גענומען בלויז פאר דיין שעהנקייט, און מעהר ווי שענהקייט האסטו ניט ביי איהם, איך וויל דיך נעמען פאר א וייב, די וועסט זיין א קעניגען, איך וועל דיך אויספוצען אין גאלד, פון קאפ ביז די פיס, —— ——

אבער איין זאך שטעהט אין וועג, און שטערט מיר, און דאס איז וואס די האסט א מאן, — דערפאר וועסטו צוערשט מוזען הרג'ענען דיין מאן, איך וועל טאקע אזוי טאן — האט די פרוי איינגעווילגט, — אויף איהר איז צו גלויבען, האט זיך געטראכט דער קעניג אז זי וועט עס טאקע טאן, און זי וועט דורך מיר טויטען א מענשען, — האט ער איהר געגעבען א שווערד פון צין (לעד) וואס האט געבלאסקעט, אבער ער איז געווען טעמפ און האט ניט געשניטען, — אט מיט דעם שווערד — האט שלמה המלך געזאגט — הרג'ע דיין מאן, ווי נאר די לייגסט ארויף אויף דיין האלז, איז ער שוין א געקוילעטער. די פרוי איז אוועק מיטן שווערד אהיים, ווען איהר מאן איז געקומען, פון זיין ארבייט, האט זי איהם געגעבען א שעהנעם (קבלת פנים) איהם געקושט אין געהאלדט, זי האט געגרייט צום טיש, זי האט איהם דערלאנגט וויין, און זיי האבען געגעסען און געטראקען צו זאמען, דער מאן האט זיך נעפיהלט זעהר פרעהליך. און זיך אנגעטרינקען מיט וויין אין איז פארזונקען אין א טיפען שלאף, — ווען די פרוי האט געזעהן אז ער שלאפט שוין האט די געבאסט מוטה, האט ארויסגענומען דעם שווערד אין אונגעהויבען שניידען זיין האלז, פלוצלינג האט זיך דער מאן אויפגעכאפט פון שלאף, און האט דערזעהן ווי זיין פרוי שטעהט נעבען איהם אין וויל איהם מארדען, האט ער זי געפרעגט: זאג מיר, ווער האט דיר געגעבען דעם שווערד? — און וואס איז דא פאר א געשיכטע? און אויב די וועסט מיר ניט זאגען דעם אמת. וועל איך דיך א לעבענדיגע צורעייסען אויף שטיקער אין דער פריה זיינען נאך זיי געקומען שלוחים פון קעניג, — ווען מאן און פרוי דיינען אריין אין קעניגליכען פאלאץ, האבען זיי געפונען דארטען די סנהדרין, — ווען שלמה המלך, האט זיי דערזעהן האט ער געלאכט! — איך בעט איך דערצעהלט די גאנצע געשיכטע — האט שלמה המלך געזאגט צום פאר פאלק, דער מאן האט דערצעהלט די גאנצע געשיכטע, פון אנפאנגען, — און ער האט געענדיגט מיט דידע ווערטער, — ווען דער שווערד, וואלט ניט געווען פון צין. וואלט איך שוין געווען א טויטער, — איך האב איהר רחמנות געהאט, און די האט אויף מיר מיינע רחמנות ניט געהאט, — ווען די סנהדרין, האבען אויסגעהערט די געשיכטע האבען די איינגעשטימט, אז שלמה המלך האט רעכט וואס ער האט געזאגט, אז [illegible] א מאנספערשוין איז דא איינער א גערעכטער צווישען טויזענט, אבער א פרוי קען מען איינע פון טויזענט אויך ניט געפונען: (אוצר מדרשים)

# הרשע

## טיטוס און דער מוק

נאכדעם ווי אספסיינוס המלך. האט זיך צוריק געקערט נאך רוים, האט ער געשיקט זיין זוהן טיטוס הרשע קיין ירושלים, אז ער זאל חורב מאכען ירושלים, — טיטוס איז אריין אין בית המקדש, אין דער בעגלייטונג פון אן אויסגעלאסענער פרוי. און מיט גרויס פרעכהייט האט ער גענומען בעליידיגען די הייליגקייטען, פאר גרויס ווילדקייט האט ער שוין נישט געוויסט וואס צו טהאן, האט ער צו=לעצט אריינגשטאכען זיין שווערד אין פרוכת, און עס האט געטראפען א נס. אז פון פרוכת האט אנגעהויבען צו געהן בלוט, האט טיטוס געמיינט אז ער האט געמאכט א סוף פון דעם אידישען בעשיצער, גלויבענדיג אז יעצט האט ער שוין ניט פאר וועמען מורא צו האבען, האט טיטוס אראפגעריסען דעם פרוכת, אין דעם אריינגעלייגט די טייערסטע כלים פון בית המקדש און דאס מיטגענומען אין א שיף, אום צו פיהרען נאך רוים, און זיך דארט צו קענען בעריהמען מיט זיין גבורה. אויף דער רייזע האט אויסגעב=ראכען א שטורם און עס האט געהאלטען ביידעם אז די שיף זאל זינקען, "עס שיינט צו זיין" האט טיטוס געזאגט, אז דער אידישער גאט איז מעכטיג נאר אויפ'ן ים, פרעה'ן האט ער געזונקען אין ים, סיסרא'ן האט ער געזונקען אין ים, און מיך וויל ער אויך בייקומען אין ים; — אויב ער איז טאקע א גרויסער גבור זאל ער מיט מיר מלחמה האלטען אויף דער יבשה; — איז ארויס א בת קול און האט צו איהם געזאגט, — "דו רשע בן רשע, דער אייניקעל פון עשו הרשע.! — איך האב א קליינע בעשעפעניס, אין מיין וועלט, מוק הייסט זי, געה ארויף אויף דער יבשה, און דיזע פיטשינקע בעשעפעניס וועט מיט דיר מלחמה האלטען, — — ווי נאר טיטוס איז ארויף אויף דער יבשה, איז דער מוק אריין איהם אין קאפ, דורכ'ן נאז און געלעכערט זיין מוח זיבען יאהר כסדר טיטוס האט געליטען שרעקליכע שמערצען, — איינמאל איז איהם אויסגעקומען פערבייצוגעהן די טיהר פון א שמיעד, האט זיך געהערט דער קלאפען פון האמער, איז דער מוק גלייך שטיל געווארען, — אויב אזוי, האט טיטוס געזאגט — "איז דאך דא א מיטעל ווי איינצושטעלען דעם מוק,

פלעגט ער יעדען טאג ארופען א שמיעד צו זיך אין פאלאסט און דער שמיעד פלעגט פארקלאפען איהם מיט א האמער. אויב דער שמיעד איז געווען א גוי פלעגט איהם טיטוס געבען פיער גילדען, נאר אויב ער איז געווען א איד, פלעגט איהם טיטוס ניט בעצאהלען, עס איז פאר דיר גענוג אז די זעהסט א נקמה אויף דיין שונא. דער מיטעל האט אזוי געווירקט בלויז פאר דרייסיג טעג. נאכדעם האט זיך דער מוק צוגעוואוינט צו דעם קלאפען, און ער האט ווייטער גענומען גריזשען דעם מוח ווי פריהער, — איידער טיטוס איז געשטאר=בען האט ער אנגעזאגט אז נאך זיין טויט זאל מען איהם פערברענען און די אש פון זיין קערפער זאל מען אויסשיטען אויף זיבען ימים, כדי דער אידישער גאט זאל איהם ניט קענען געפונען און איהם משפט'ן פאר זיינע פערברעכענס (גיטין נו)

## א רב רעדט דייטש

אין א שטעטעל אין פולען, האט א יונגערמאן בעליידיגט דעם רב אין שוהל פאר אלעמען אין די אויגען, עס איז געווארען א טימעל, א פאליציימאן איז געקומען און דעם יונגערמאן ארעסטירט, אבער אזוי ווי אידען זיינען דאך "בני רחמנים", האבען זיי געבעטען, דעם פריסטאוו, אז ער זאל איהם באפרייען, דער פריסטאוו אבער האט געוואלט אז דער רב, אליין זאל קומען, אין דעם ארעסטירטען מוחל זיין, אז מען האט דאס דערציילט דעם רב, האט ער געזאגט: — געוויס וועל איך קומען, איך קען דאך אבער ניט רעדען קיין פויליש, האט מען דעם רב פארזיכערט, אז דער פריסטאוו קען רעדען דייטש, ווען דער רב איז געקומען, פרעגט איהם דער — פריסטאוו (וואלען זי. הער ראבינער. דעם מאן פארציייען ?) ענטפערט איהם דער רב אין א ריינעם קלארען דייטש, — לכתחילה בין איך אויף איהם געוועזן — מלא חימה, אזא עזות פנים! ער איז זיך מיישב שבת בשעת הקריאה און איז מבזה דעם מרא דאתרא בפני כל עם ועדה! נאר "אף על פי שחטא ישראל הוא" על כן בין איך איהם מוחל, במחילה גמורה; — עס פארשטעהט זיך, אז דער פריסטאוו האט פון דעם רב'ס דייטש קיין ווארט ניט פארשטאנען, און געבעטען מען זאל איהם דאס איבערזעצען אויף דייטש, האט דער רב בתמימות זיך געווינדערט, און געזאגט צו א בעלעבאס — איהר האט מיר געזאגט, אז דער ערל איז א מבין, בלשון דייטש.... אויך דער פריסטאוו האט זיך געווינ=דערט און געזאגט — איך האבע גאר ניכסט געוויסט אז דער הער ראבינער רעדט, אזאהוכע ליטעראטארשע דייטש....

# דעם בעקערס איידעם — דער איד הקדוש

שניי איז אבער אומזינסט, די פערד דייך שוין, אפ
געמאטערט. אין דער וואגען רוהטזעך ניט פון ארט —
דער בעל-עגלה ווייס נישט, וואס צו טוהן, דער וואגען
זינקט ביז אין העלפט אין שניי, — נאר נאך לאנג טראכטען
לויפט דער שמייסער אין שטאט וואס איז פינעף וויארסט
וויט, כדי צו ברענגען פון דאטט הילף, — נאך א צווי
שעה לויפען, דערגרייכט דער שמייסער די שטאדט אפט
אבער א פרעמדער, ווייס ניט, וויאיין, וויאויס, אלע
לאדענס פון די הידער זיינען פארקלאפט, שטיל ווי
א בית-עולם, — אזוי זוכענדיג, דערגרייכט ער דאס
שטאדטישע בית-המדרש. — דארט לייכט עפעס, א
יאהר צייט ליכט, און עס זיך א ברומען פון אונע-
ווייניג, דער שמייסער ווייס אז קיין הילף האט דארט
ניט צו דערווארטען, — אבער אונווארימען אביסעל
זיינע געפרוירענע אברים קען דאך, אין פרעגען אויף א
בעל עגלה, קען מען דאך אויך — — דער שמייסער עפנט
די טהיר פון בית המדרש. מיט א סקיפפ פון די טהיר,
יעקב יצחק דעם בעקערס איידעם, שטעהענדיג
ביי עמוד, רייסט אב די אויגען פון דעם אפונעם ספר
און איך דעם פארשוין, וואס קומט אריין אין בית המדר
שלום עליכם איד, פינוואנען קומט עס א איד, אזוי
שפעטער שעה. ? — פרעגט ר' יצחק יעקב דעם אורח,
— א שמייסער בין איך, אונזער וואגען מיט סחורה
פאר די היגע סוחרים איז געבליבען זינקען אין טיפען
שניי, האב איך געלאזען מיין בעל הבית ביים וואגען
און איך בין געקומען אין שטאט אריין, שאפען א
פאר פערד אין עטליכע טרעגער, — אין דער
בעל עגלה, ווערט דארט געפרוירען אויפן פעלד,
אין די פערד זיינען שוין מיעד, אין מאט, — — —
א געוואלדיג רחמנות האט איהם ארומגענומען,
טראכט ער א ווילע אין זאגט צום שמייסער — —
קום לאמיר געהן העלפען, דעם וואגען ארויסשלע-
פען, פון שניי, איך ב"ה ברוך השם א בעל כח — — —

קום לאמיר געהן צו דעם וואגען וועסטו זעהן,
אז עס וועט געהן א גאנג, לאזט ער זיך געה צו
דעם וואגען, און צו זיין בעל הבית, אין נאך איהם
דער בית המדרשניק, — צוקומענדיג צום וואגען
קריכט ארונטער דער בעל עגלה פון דער הויך,
נעמט ארום דעם פרעמדען פארשוין, מיט
א בליק, פון ביטול, אין שרייט אויס צום שמייסער
— שלומזל, ווענען האסטו מיר געבראכט ארויס
צו שלעפען דעם וואגען פון טיפען שניי. ביזט פון
ארוב ? — א נו, פרואוו יונגערמאן, אונטער צו שט-
ופען דעם וואגען — — — קריכט ביידע ארויף אויף דער
קעלניע, טרייבט די פערד ווי מען דארף

און איך וועל אייך ארויסהעלפען פון הינטען, פרואווט וואס
קען עס דען שאדען, ? דער בעל עגלה, מיט זיין שמייסער
געבען א שפרינג ארויף אויפן וואגען, א צי לייצעס, די
פערד גיבען א שלעפ דעם וואגען, — און גלייך זיינען זיי
אויפן שאסיי, — יאגט אונטער די פערד זיי ווילען געהן,
שרייט דער יונגערמאן פון אינטען, און זיי געהן,
דער וואגען פאהרט ווי א מזמור, אין עס דויערט נישט
לאנג, דערזעהען זיי די ערשטע געסלעך פון דער
שטאדט אפט, — ערשט איצט דרעהען זיך אויס די
בעל עגלות צו כאפען, א בליק אויפן העלפער זייער
אבער פון דעם יונגערמאן איז קיין שפיר, נישטא,
אוועקגעשטעלט דעם וואגען אין אן ארייינפוהר הויז
כאפען זיך ביידע אריין אין א בעקעריי, כדי זיך
אונצוווארימען, —, ! ר' משה גדליה. דער קענט גלייך
אז מיט זיי האט עפעס פאסירט, — אין זיי דערצעלען
די געשיכטע, מיט דעם וואנדערליכען פארשוין
וואס האט זיי גערעטעט, — — און וואו האט איהר
איהם געלאזען, ! פאר וואס האט איהר איהם
אבגעלאזען, שלימזלדידיגע בעל עגלות,
אזא מענשען לאזט מען אב, סתם אזוי אן אזייט
געזונט, ? — מיט אמאל עפענט זיך די טיהר, אין
דעם בעקעס'ס איידעם קומט אריין, אין דער
בעקער קראצט אב, — — איך מוז שווער און ביטער
ארבייטען, און ער דרעהט זיך ארום, פוסט אין פאסט,
אזש פון פשיסכא, האב איהם געבראכט דעם אנטיג, —
— די גאנצע צייט האט דער בעל ענלה, מיט זיין שמייסער
נישט ארוגענומען די אויגען פון ארייינגעקומענדיגען
יונגער מאן, אבער פלוצלינג האט דער שמייסער א
געשריי געטוהן — בעל הבית דאס איז אונזערער
רעטער, —, וואס. ווען, האט איר נישט קיין טעות ?
האט דער בעקער געשריען ווי ניט מיט זיין קול...
ניין ער איז א הייליגער-מאן — — — —
אין אזוי איז פארגעקימען דאס התגלות פון
רבי יעקב יצחק פין פשיסכע דער בארימטער

## איד הקדוש